בס"ד / שנה ו' / פרשת ויחי / נומער 295

# כלוטל

**וועלטליכע נייעס**
טראמפ פרובירט צו מאכן שלום
צווישן רוסלאנד און אוקריינע

**א ווארט צווייי**
שטארקע נקודות פון
שבת ויגש אין שטעטל

**עירנו**
נידעריגע רענט פרייזן

## חזק חזק ונתחזק! סיום ספר בראשית

# עולם הפאנדרעיזינג

וואס איז די סוד פון א גוטער פאנדרעיזער / **די מטרה פון זיך צאמקומען אלע פאנדרעיזערס אינטער איין דאך** / איז א פאנדרעיזער א נודניק? / **הערט פון מו"ה אשר קרויס הי"ו איבער זיין נייע קאריערע אין עולם הפאנדרעיזינג,** ווי אויך א באריכט פון די נאוויגאציע קאנפערענץ פארגאנגענעם מיטוואך וכו'.



## צהלי ורנני יושבת ציון

ראש ישיבה שליט"א באזוכט אנשי שלומינו אין ארץ ישראל

בס"ד

פרשת ויחי
תשפ"ו

**נומער**
**295**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **03** | שער בלאט |
| **04** | עידנו |
| **06** | קהילה נייעס |
| **08** | אלץ און אלעמען |
| **09** | וועלטעלע |
| **10** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **11** | מעשיות פון תפלה |
| **12** | א ווארט צווײ |
| **16** | געדאנקען |
| **24** | עולם הפאנדרעיזינג |
| **35** | עניינא דיומא |
| **38** | געשעענישן |

















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, משה ראזענבערג, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, מ. מאנן, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטי

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**bletelmagazine@gmail.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
**אויף אימעיל:**
chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938



כל הזכויות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

**אברהם הערש וועבערמאן**

# מזל טוב

מיר שטייען יעצט ביים סוף פון ספר בראשית, די לעצטע סדרה פרשת ויחי, מיר גייען אלע אויסשרייען "חזק חזק חזק ונתחזק!" עס איז א גוטע צייט זיך אפצושטעלן און זיך אביסל מתבונן זיין וואס ס'פאסירט דא. עס זענען פאריבער זייט אנהייב יאר גאנצע צוועלף וואכן, הערליכע פרשיות, מעשיות פון אונזערע הייליגע אבות און געוואלדיגע לימודים וואס מ'לערנט זיך ארויס דערפון.

פילע פון אונז האבן במשך די וואכן זוכה געווען צו מעביר סדרה זיין יעדע וואך, יעדע פרשה, און זיכער האט מען געזען א געוואלדיגע הצלחה נאכן מעביר סדרה זיין, און אזוי אויך האט מען געזען אז אפילו אין א פארנומענער טאג קען מען מאכן פלאץ פאר אביסל לימוד התורה, פאר געוויסע איז דאס געווען געיאגטערהייט מיט ווייניג ישוב הדעת, אבער כולי עלמא מודה אז דאס גיבט א רואיגקייט פארן מענטש אין די היינטיגע שווערע טעג.

פון די אנדערע זייט האט נישט יעדער עס געקענט אנהאלטן יעדע וואך. עס זענען געווען וואכן וואס מען האט עס אויסגעלאזט, וואס דאס איז אויך א לימוד פארן לעבן. נישט יעדן טאג זעט אויס גלייך אזוי ווי דעם אנדערן, און נישט יעדע תקופה האט יעדער די זעלבע כוחות. אבער דא קומט אריין די לימודים פון הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז אז מען דארף זיך נישט שרעקן פון וואס איז געווען, נאר קוקן אויף וואס מ'האט צוטון ווייטער.

יעקב אבינו, אין זיינע לעצטע טעג, האט נישט צוריקגעקוקט מיט חרטה אויף וואס ס'איז געווען. ער האט געקוקט אויף זיינע קינדער, אויף די צוקונפט, און גערעדט צו זיי מיט רואיגקייט אויף וואס זיי האבן צוטון פון יעצט און ווייטער. ער ווייזט זיי אז אפילו ווען עפעס גייט נישט גוט, קען מען נאך אלץ זיך אויפשטעלן און גיין ווייטער. א סוף איז נישט קיין אפשטעל, נאר א טיר צו עפעס ניי.

יעצט ווען מיר ענדיגן ספר בראשית און הייבן אן ספר שמות, איז דאס נישט סתם א טויש אין חומש. עס איז א געלעגנהייט צו זאגן צו זיך אז פון היינט אן וויל איך טון בעסער, אביסעלע יעדן טאג.

מיר וואנטשן פאר אלע מסיימים א הארציגע מזל טוב. און די וואס האבן נישט געקענט דאס באווייזן, זאלן וויסן אז מ'קען אנהייבן פון יעצט, די תורה שטייט אפן פאר יעדן, יעדן טאג. די גרעסטע חכמה איז ווידער אנהייבן. נעמען איין טריט, אפילו א קליינע.

לאמיר נעמען די יעצטיגע טעג אלס א נייע התחלה. אנהייבן מיט א פרישקייט, יעדער לויט זיינע כוחות, יעדער לויט זיין מצב.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מיר זאלן אלע האבן כח, צייט און זיך מחזק צו זיין אין לימוד התורה, און אז דער לימוד זאל ברענגען חיזוק, שמחה און ברכה אין אונזערע טאג טעגליכן לעבן.

ביי דעם געלעגנהייט ווילן מיר אויך ארויסגעבן א דאנק פאר אונזער שרייבער מו"ה ישראל דוד העסקעל נ"י וואס האט אריינגעלייגט פיל כוחות אהערצושטעלן די וואך א גאר שיינע געשמאקע אינטערוויו פאר אונזערע טייערע ליינער, אדרבה ליינט עס אדורך און לאזט וויסן אייערע הגהות דערויף.

*חזק חזק ונתחזק*

# אידנו

## פרישע בניני המוסדות

פאראנגגענע וואך האט די הנהלה ברוך השם געקלאוזט אויף א פרישע דירה נעבן די יעצטיגע בניני המוסדות, די געלט איז געקומען פון דער ראש ישיבה וואס האט געבארגט פון אינגעלייט וואס האבן געוואלט האבן א גוטע פלאץ אוועקצולייגן די געלט, און נישט געוואלט אז די געלט זאל פארלוירן ווערן אויף אומפארזיכערטע פלעצער אדער פארוואסערט ווערן ביי זיי אליינס.

מ'גרייט זיך אויך צו קלאוזן אויף נאך א הויז דערנעבן וואס מ'איז שוין אין קאנטראקט, מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען קלאוזן גאר בקרוב.

איינס פון די דירות וואס מ'האט שוין אפגעקויפט, איז שוין ברוך השם אין באניצט, מ'האט דארט פלאצירט די בעיביסיטינג פון די מוסדות, דער ראש ישיבה איז טאקע געקומען פארגאנגענעם דאנערשטאג ויגש קלאפן מזוזות אויף אלע טירן פונעם בנין.

ווי מ'האט שוין געשריבן די פארגאנגענע וואכן, אז ווער ס'וויל אוועקלייגן געלט, זיי ווילן נישט עס זאל פארלוירן ווערן, איז די בעסטע פלאץ אוועקצולייגן ביי די קהילה, און דער ראש ישיבה וועט נוצן די געלט פאר די מוסדות און די קהילה און די שטעטל.

ס'איז נאכנישט באשטימט געווארן יעצט אויף וואס די הייזער וועלן ווערן גענוצט אויף למעשה. אבער דער עיקר איז אז ס'זאל זיין אונטער די אייגנטום פון א איד, ס'זאל נישט באלאנגען פאר א גוי, און די קינדער וואס לערנען אין אונזערע מוסדות זאלן קענען האבן ריינע הייליגע אויגן ווען זיין גייען און קומען לערנען אין חדר.

## רענט פרייזן

די לעצטע פאר וואכן איז די הנהלה געווען פארנומען מיט מיטינגס צו אוועקשטעלן די נייע רענט פרייזן אין שטעטל פאר די קומענדיגע שטיק צייט, סיי פאר רענט און אזוי אויך פאר יוטיליטיס, אויך האט מען אריינגענומען אין באטראכט וועגן דירות וואס זענען פורנישד אדער פאר חתן כלה.

מיר האבן זייער שטארק געארבעט זיכער צו מאכן אז דער טענענט זאל נישט דארפן איבערצאלן, און אויך אז דער לענדלארד זאל נישט ווערן אונטערגעצאלט.

מיר ווילן אין דער זעלבע צייט דערמאנען אז ווער עס וואס וויל דינגען אדער פארדינגען, קויפן אדער פארקויפן א הויז אדער דירה אין שטעטל, זאל זיך ווענדן צו די חברי הנהלה וואס זענען געשטעלט אויף דעם.

די איינציגסטע וועג ווי אזוי מיר זענען מצליח אנצוהאלטן די שטוינענד ביליגע פרייזן סיי פון רענט און סיי פון הייזער צו קויפן איז נאר ווייל די הנהלה שטייט אויף דעם מיטן כח פונעם רבי'ן אז די פרייזן זאלן נישט ארויפגיין.

אזוי ווי עס האבן זיך פארמערט די צאל חברים וואס ווילן וואוינען אין שטעטל, בפרט אין די לעצטע צוויי חדשים ווען עס זענען פארהאן פילע חתונות פון קינדער פון איצטיגע איינוואוינער פון שטעטל, האט די הנהלה געשטעלט צוויי אינגעלייט וואס זענען גרייט צו העלפן מיטן טרעפן א דירה, צו דינגען אדער פארדינגען זאל מען זיך מעלדן צו מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו צו קויפן זאל מען זיך מעלדן צו מו"ה העניך אינדיג הי"ו.

ניייס'לעך

## טוי באווט ווארטעד



קביעות מזוזה ביים בעביסיטיג בנין



ביים העלפן אין באזאר

## קאונטי מיטינג

ווי עס איז באקאנט קומט פאר א קאונטי מיטינג צוויי מאל א חודש. מ'גייט אדורך נושאים וואס איז אנבאלאנגט די קאונטי.

אונזער געטרייער חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו איז אריבערגעגאנגען בשליחות פון די הנהלה צו פרובירן ארויסהעלפן די שטעטל מיט סיי וואס די קאונטי קען זיין בייהילפיג.

איינס פון די גוטע טוישינגען וואס מ'קען מעלדן איז אז פאר די קומענדיגע יאר איז די בודזשעט געהויבן געווארן מיט בלויז צוויי פראצענט, דאס מיינט אז פאר די איינוואוינער פון די ווילעדזש וועלן די טעקסעס ארויפגיין מיט ממש בלויז עטליכע דאלער.

ניעס'לעך

## באזאר אנטוויקלונגען

*שוואכיו שורייע*

די הנהלה האט פארגאנגענעם וואך באזוכט ביים יעצטיגן צייטווייליגע באזאר סטארידזש פרובירן צו זען אויב עס איז נאך דא פלאץ. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז ממש איבערגעפילט עד אפס מקום.

עס זענען דא עטליכע טראק לאודס פון שיינע נייע קליידער וואס געשעפטן זענען גרייט אוועקצוגעבן פארן באזאר וואס ס'איז נישטא די פלאץ וואו עס צו לייגן.

מיר בעטן זייער שטארק אויב איינע פון די טייערע חברים זענען גרייט אוועקצוגעבן א פלאץ, צו פאר צייטווייליג אדער פאר פערמענאנט, צו א בעיסמענט אדער א פלאץ אין א ווערהאוז א.א.וו. ביטע זיך פארבינדן מיטן חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן היילפרין נ"י.

# קהילה נייעס



## בליץ באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל

א פרייליכע שטימונג האט געהערשט די וואך ביי אנשי שלומינו תושבי ארץ ישראל, מיטן קורצן אבער תוכנ'דיגן באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געפלאנט זיך ארויסצולאזן קיין ארץ ישראל נאך פאר שבת, און פראווען א שבת מיט אנשי שלומינו. למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז געבוירן געווארן אן אייניקל ביים ראש ישיבה שליט"א למזל טוב, און די קידוש איז אפגעראכטן געווארן אין שטעטל, האט זיך אפגעשטופט די נסיעה ביז נאך שבת.

זונטאג נאכט האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעלאזט קיין ארץ ישראל. גלייך ביים אנקומען איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעפארן קיין בני ברק וואו עס איז געווארן ארויסגעדינגען א גרויסער זאל פארן גרויסארטיגן סעודת הילולא פון הייליגן רבי נתן זי"ע.

אנשי שלומינו האבן געהאט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן פנים אל פנים מיטן ראש ישיבה שליט"א נאכן זיך נישט זען א לענגערע צייט, און נאכדעם וואס אנשי שלומינו האבן געמאכט אסאך תפילות אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל שוין קומען.

עס איז געווען צוגעגרייט א רייכע סעודה זיך צו וואשן, דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט זיין פרייד זיך צו טרעפן מיט אנשי שלומינו. ווי אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פונעם בעל הילולא רבי נתן זי"ע וואס האט אונז געלאזט א צוואה אז מ'זאל עוסק זיין אין הפצה, דאס איז געווען ממש פאר זיין הסתלקות, ער האט זיך אויסגעדרוקט "אייער עיקר עסק זאל זיין צו דרוקן די ספרים, 'יפוצו מעינותיך חוצה'."

ווי אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון נאך אסאך וויכטיגע נקודות וואס מ'דארף וויסן פארן לעבן (מ'קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב).

במשך די פאר טעג וואס דער ראש ישיבה האט געוויילט אין ארץ ישראל האט ער באזוכט ביי די הייליגע מוסדות אין בני ברק, ירושלים, טברי'ה. אזוי אויך האט ער באזוכט ביי דער ישיבה אין ארץ ישראל, וואס ווערט געפירט דורכן מגיד שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשטעלט, מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א.

אזוי אויך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין יבניאל זיך אויסצובעטן ביים ציון פון אונזער רבי מוהרא"ש זי"ע.

דער באזוך האט געגעבן גאר שטארקע חיזוק פאר אנשי שלומינו, וואס האבן זיך אויפגעפרישט פונדאסניי צו פאלגן די דרשות וואס מ'הערט פונעם ראש ישיבה יעדן טאג.

אזוי אויך האבן זיך אנשי שלומינו איבער דער גאנצער וועלט צוזאמגענומען און אפגעראכטן דעם גרויסן יארצייט, וואו מען האט ארומגערעדט פונעם גרויסן ירושה וואס דער הייליגער רבי נתן האט אונז איבערגעלאזט. א רייכע ירושה פון וועלכער מיר לעבן נאך ביז היינט.

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **לייבי אפפעל** הי"ו

מו"ה **ישראל דוד העסקעל** הי"ו

מו"ה **גדלי' אפפעל** הי"ו

פארן מנדב זיין

# פרנס החודש טבת

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבין'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

*sruliHeskel

*sruliHeskel

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## ווינטערדיגע אייזיגע וואסער פאלן

**שאלה**

שכח אייבערשטער, איך האב זוכה געווען צו זיין שבת חנוכה ביים ראש ישיבה שליט"א. אויפן וועג צוריק האבן מיר געזען אויף רוט 17, אז עס זענען דא אזעלכע קליפס - שיפע שטיינערנע בערג פון די זייט, וואס סתם אזוי ווען ס'וואלט געווען זומער און עס וואלט געווען רעגנדיג, וואלט עס אראפגעגאסן און עס וואלט געווען א שיינע פאנאראמע פון די אלע וואסערפאלן. אבער יעצט אין ווינטער איז אלעס געווען שניי און אייזיג.

מיין שאלה איז, וויאזוי ווערט עס אייזיג בשעת די וואסער רינט? ווען איך לייג אריין א גלעזל וואסער אין פריזער, וואלט עס געדויערט א שעה, צוויי, ביז עס וואלט געווארן אייז. אבער דא האב איך געזען אייזיגע וואסערפאלן, וואס זענען געווארן אייז בשעת זיי פאלן אראפ פון דעם בארג. וויאזוי ווערט עס אייז?

**ענטפער**

זייער א גוטע שאלה האסטו געפרעגט. עס איז באמת א גרויסע זכות אז מיר זענען זוכה צו לערנען די הייליגע עצות פון רבי'ן וואס קלעבט אונז פשוטע מענטשן צו צום אייבערשטן. מיר וואלטן פונקט אזוי געקענט זיין פון די מענטשן וואס הערן אויס די לשון הרע'ס אויף ברסלב, און מורא האבן וואס דער און יענער וועט זאגן אויב זיי קומען הערן א שיעור פונעם ראש ישיבה.

ווען וואסער רינט קען עס אסאך שווערער ווערן אייז. א זאך וואס רוקט זיך האלט זיך לענגער ווארעם. אבער דאס מיינט נישט אז עס קען נישט ווערן אייז, עס נעמט בלויז לענגער.

פונקט ווי א מענטש קען נישט פון איין מינוט אויפן צווייטן ארויסגיין פון אלע זיינע שלעכטע געוואוינהייטן. מען דארף גיין צוביסלעך, א טריט אויף איין מאל. מען טוט איין קליינע גוטע זאך, און נאכדעם נאך איינס, און נאך א שטיק צייט דערזעט זיך דער מענטש אז ער דערקענט זיך פשוט נישט. די זעלבע זאך איז מיט די אייז. די שטיינער זענען אייז קאלט, און די וואסער רינט ארויף דערויף. קודם וועט ווערן א דינע אונטערשטע שיכט פון אייז, גלייך אויפן שטיין, און די וואסער וועט ווייטער רינען דערויף, אבער צוביסלעך ווערט די אייז דיקער און דיקער.

בפרט ווען די וועטער ווערט גאר קאלט, וועט זיך דער פראצעס אויסשפילן אסאך שנעלער. אויב דער אייבערשטער שיקט א גאר שטארקע קעלט וועט עס נישט נעמען לאנג און אלע אייזן וועלן אויספארמירן הערליכע שיינע אייסיקלס וואס באשיינען אונזערע ווינטערדיגע פאנאראמעס אויף די הייוועיס.

אבער אפילו ווען די וואסער איז געווארן גענצליך פארפרוירן, וועט עס נישט אייביג בלייבן אזוי. אפילו איך שפיר זיך ווי א שטיק אייז, איך שפיר נישט גארנישט, איך בין קאלט, ווען די זון וועט ארויסקומען און עס וועט באקומען אביסל ווארעמקייט, וועט זיך אלעס זייער שנעל צולאזן, און ווערן צוריק די שיינע וואסערפאלן

נעם אביסל תורה, אביסל אמונה, הער אויס נאך א שיעור פון ראש ישיבה, וועסטו זען ווי שיין דו וועסט זיך צולאזן און ווידער באקומען א געפיל צום אייבערשטן און זיין זיסע תורה.

**האט איר א שאלה?**
שיקט צו: askgershon@gmail.com

# וועלטלעך

**גרשון קרעמער**




## טראמפ פרובירט אויסהאמערן שלום מיט רוסלאנד און אוקריינע

פרעזידענט טראמפ פון אמעריקע און זעלענסקי פון אוקריינע האבן זיך געטראפן זונטאג אין מאר-א-לאגא אלס טייל פון אן אמעריקאנער-געפירטע פראבע צו פאראהאנדלען א שטילשטאנד אין צוגרייטונג צו א פולקאמע שלום צווישן רוסלאנד און אוקריינע. טראמפ האט געזאגט אז די געשפרעכן זענען אין די "לעצטע שטאפלען" נאכן רעדן מיט דעם רוסישן פרעזידענט פוטין; אוקריינישע באאמטע האבן באשטעטיגט אז פארשריט איז געמאכט געווארן אויף זיכערהייט גאראנטיעס, אבער מען האלט נאך נישט ביי קיין פולשטענדיגע אפמאך.

זינט טראמפ האט אריינגעטרעטן אין דעם ווייסן הויז, האט ער געלייגט א שטארקע געוויכט אויף אויסהאמערן שלום צווישן די קריגערישע צדדים. בפרט האט ער פארשפראכן צו ענדיגן דעם רוסישן קריג, וואס וואלט לויט אים זיך בכלל נישט אנגעהויבן - ווען ער וואלט דאן געווען אין אפיס.

אנשי שלומינו זענען מתפלל אז די מלחמה זאל זיך שוין ענדיגן. כאטש מען איז זיך מוסר נפש צו מקיים זיין דעם הייליגן רבינ'ס בקשה צו קומען, בעט מען אבער דעם אייבערשטן אז עס זאל שוין אנקומען גרינגער.

זינט רוסלאנד'ס אינוואזיע פאר פורים תשפ"ב, האט קיעוו זיך גאר שטארק קעגנגעשטעלט צו מוותר זיין אויף סיי וועלכע טעריטאריע, און געזוכט נאטא מיטגלידערשאפט און לאנג-טערמיניגע מערב שטיצע; רוסלאנד האט פארלאנגט דעמיליטאריזירטע באפער זאנעס און אינטערנאציאנאלע אנערקענונג פון זייער קאנטראל איבער די שטחים וואס זיי האבן איינגענומען. אלע ביז יעצטיגע באמיאונגען פון דיפלאמאטישע לעזונגען האבן גארנישט געברענגט, אריינגערעכנט שטרענגע אינטערנאציאנאלע סאנקציעס קעגן רוסלאנד, און שטארקע מיליטערישע מערב וועלט שטיצע פאר אוקריינע.

מען זעט דעם חורבן וואס עס קומט ארויס פון א מלחמה. יעדער שטייט אויף זיינע רעכטן. מען קען נישט אוועקגיין פון דעם אייגענעם כבוד. מען קען זיך נישט רירן, און ביזדערווייל שטארבן אויס טויזנטער סאלדאטן יעדן טאג, און ליידער זענען אויך דא אידן צווישן זיי. די זעלבע זאך איז מיט יעדע מלחמה, יעדע מחלוקה. א מלחמה מאכט חרוב, צוברעכט, און הרג'עט. קוק אוועק פון דיין כבוד און געב גערעכט פאר דיין ווייב, דיינע קינדער וועלן בליען.

די עיקר טעמעס וואס זענען נאך נישט געלייזט זענען טעריטאריע, זיכערהייט, און סאנקציעס. מען קען זיך נישט פאראייניגן וועלכע שטחים (אויב בכלל) אוקריינע וועט מוותר זיין, און פאר ווי לאנג. און עס בלייבט אומקלאר ווער וועט גאראנטירן אוקריינע'ס זיכערהייט (נאט"א מיטגלידערשאפט אדער אנדערע מיליטערישע גאראנטיעס) און מען פאראהאנדלט איבער די צוקונפט פון די סאנקציעס און ווידעראויפבוי: מען ארבעט אויס די תנאים ווען די מערב וועלט וועט אראפנעמען די סאנקציעס אויף רוסלאנד און ווער וועט פינאנצירן אוקריינע'ס ווידעראויפבוי. אזוי אויך איז דא א רעדע איבער פרישע וואלן אין אוקריינע ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן.

# הילולת רבי נתן זכרונות לברכה

**עצתו אמונה שמות תשפ"א**

## שאלה

***לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,***

***אִיךְ וִויל פְּרֶעגְן אוֹיבּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים.***

***יְיַשֶׁר כֹּחַ***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים אוּן אוֹיךְ דֶער אָנְהֵייבּ פוּן סֵפֶר יָד הַחֲזָקָה וואוּ דֶער רַמְבַּ"ם רֶעדְט בְּאוֹפָן חֲקִירוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז); דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן דָאס לֶערְנֶען וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר טִיפֶע סְבָרוֹת – עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ, מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי תֵּירוּצִים נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי קַשְׁיוֹת, עֶס קֶען זַיין מֶען וֶועט וֶוערְן אַן אַפִּיקוֹרֶס אוּן לֵייקֶענֶען אִין אַלֶעס רַחֲמָנָא לִצְלָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כד).

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאךְ, נִישְׁט נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים, אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶועןמֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים אוּן אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער רַמְבַּ"ם גֵייט בְּאוֹפָן שֶׁל חֲקִירוֹת, וַוייל מִיר הָאבְּן קְלֵיינֶע מֹחוֹת, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַלֶעס, מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיט דִי קַשְׁיוֹת אוּן אַרַיינְפַאלְן גְרִינְגֶערְהֵייט אִין כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז מִיר זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מִיר זָאלְן נִישְׁט נָאכְגֵיין אוּנְזֶער שֵׂכֶל וַוייל אוֹיבּ מֶען גֵייט נָאךְ דֶעם שֵׂכֶל קֶען מֶען פַארְקְרִיכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "**כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם**", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "**וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם**", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵייְדט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "**וְעִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה** (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ): דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע שָׂרִים פַאנְגֶען חַיּוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר דָארְפְסְמַאן, פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרִים זֶענֶען זִיךְ צֶעלָאפְן אוּן זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם קֶענִיג אַלֵיין, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶער סַכָּנָה אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ הוֹיז וואוּ עֶס הָאט גֶעוואוֹינְט אַ פָּשׁוּט'עֶר דָארְפְסְמַאן, דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם קֶענִיג, עֶר הָאט אָנְגֶעטוּן דֶעם קֶענִיג פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן אַבִּיסְל גְרִיז אוּן אִים גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן נֶעבְן דֶעם אוֹיבְן וְכוּ'. דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד אוּן פַארְמַאטֶערְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה' גֶעוֶוען מִיט דֶעם בֶּעט וָואס דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אַז מַמָּשׁ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא גֶעשְׁמַאק וִוי עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאט בַּיי דֶעם פָּשׁוּטְ'ן דָארְפְסְמַאן.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעגְענֶען זֶענֶען אַלֶע שָׂרֵי הַמְּלוּכָה גֶעקוּמֶען זוּכְן דֶעם קֶענִיג, בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאפְן שְׁלָאפְן בַּיים דָארְפְסְמַאן אִין שְׁטוּבּ. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַהֵיים נֶעמֶען דֶעם קֶענִיג הָאט זֵיי דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט הָאט אִיר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף מִיר, יֶעדֶער פוּן אַייךְ אִיז גֶעלָאפְן זוּכְן שׁוּץ פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, נָאר דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט מִיר אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט, וֶועט עֶר מִיר אַהֵיים טְרָאגְן צוּם פַּאלַאץ אוּן עֶר וֶועט מִיר אָנְטוּן מַיין קְרוֹין", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת; נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן וַואסֶער אוּן נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן פַייעֶר, נָאר אַ מַבּוּל פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס וֶועט אַרַיין שְׁפְּרִיצְן אֲפִילוּ אִין דִי כָּשֵׁרְ'עֶ הֶערְצֶער אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן, נָאר דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זֵיי וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זֵיי וֶועלְן אָנְטוּן דֶעם קְרוֹין פַאר מָשִׁיחַ (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתלד; עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לה, רכ)", עֶר פִירְט אוֹיס אִין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, שֶׁרָאָה מָה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִּמְשִׁיחָא".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# מעשיות פון תפילה



**הערשל שניטצלער** | קרית ברסלב

ווער עס געדענקט איז די חדר געווען אין האשקי שול נאך ראש השנה פאר אפאר טעג צוליב קאנסטראקשן, און איך האב דארטן געהאלטן מיינע ספרים, האב איך ערגעץ דארטן פארלוירן א גמרא מסכת סוכה וואס איך האב גענוצט צו פארלערנען מיט דעם אין חדר.

נאך סוכות, איך האב געזוכט דעם גמרא, אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן. איך האב דורכגעקוקט אלע ספרים פון האשקי, ווי אויך ביי היכל ראזענבערג. אבער ס'איז נישט בנמצא, ס'איז נישט צום געפינען.

ס'איז געווען דארט אריינגעשריבן מיינע סיומים, מיינע חידושי תורה, איך האב מיר אונטערגעצייכנט ביים פארלערנען שיינע זאכן. איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס יא טרעפן. ווען איך האב געדענקט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל, באשעפער העלף איך זאל טרעפן מיין גמרא מסכת סוכה. איך האב נישט געוואלט אפילו קויפן א נייע, ווייל איך האב מיך נישט מייאש געווען, איך האב א גאנצע צייט געגלייבט און געהאפט אז איך גיי עס טרעפן.

ביז איין טאג האב איך געזאגט פאר'ן אייבערשטן, "אייבערשטער, איך געב פאר רבי מאיר בעל הנס אכצן דאלער, ווען איך גיי עס טרעפן גיי איך געבן אכצן דאלער." און א וואך שפעטער האב איך געזאגט, "אייבערשטער, איך גיי געבן זעקס און דרייסיג."

און וכך הוה. יעצט, נאך דריי חדשים בעטן דעם אייבערשטן, האב איך געטראפן די גמרא, ס'איז געליגן פשוט און גראד אין האשקי שול ביי א פענסטער, וואס איך ווייס נישט וויאזוי ס'איז אנגעקומען אהין, על כל פנים, מיין גמרא וואס איך האב אזוי שטארק געדארפט און געבעטן דעם אייבערשטן, איז צוריק אנגעקומען צו מיר.

שכח אייבערשטער פאר די עצה פון תפילה, פאר די עצה פון צדקה, פאר די עצה פון רבי מאיר בעל הנס, און פאר די עצה פון זיך נישט מייאש זיין.

**יצחק אייזיק ראזענבוים** | קרית יואל

ביי אונז פירט מען זיך צו צינדן די לעכטעלעך פון חנוכה אינעם מנורה אליין, נישט אין א גלעזל. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן נאך פון פאר חנוכה אז די לעכטעלעך זאל שיין ברענען, איך זאל קענען האבן די ריכטיגע קנויטן עס זאל זיך האלטן גוט אינעם מנורה.

שכח אייבערשטער דאס יאר האט עס פיין געברענט אן קיין פראבלעמען.

ברוך השם מ'האט זיך פיין געקענט אויסבעטן ביי די הייליגע לעכט.

**משפחת בירנבוים** | קרית ברסלב

אונזער קליינע ברודער אברהמי האט געהאט rashes אויף זיין פנים, און מ'האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט דעם.

די גאנצע משפחה האט געבעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג עס זאל זיך אויסהיילן אינגאנצן.

פארגאנגענעם יום טוב חנוכה האט מען גענומען די אויל פון די מנורה און מ'האט געשמירט אויף זיין פנים, אזוי ווי עס איז געשטאנען ביי די אכט מעשיות פון די קינדערהיים אויסגאבע, און ממש ביז א טאג איז עס געווארן אסאך אסאך בעסער, נאך א וואך האט מען נישט געזען קיין זכר אז ס'איז אמאל געווען עפעס א מארק אדער עפעס rashes אויף זיין פנים.

שכח אייבערשטער פאר די געוואלדיגע נס חנוכה.

# א ווארט צווייי

## הפצה אויפוואכונג

אן אינטערעסאנטע און איפארמאטיוועע שמועס האט דער ראש ישיבה אפגעהאלטן מיט די בחורי הישיבה פון ירושלים עיה"ק:

"ווי אזוי זאגט מען שכח אייבערשטער אין ארץ ישראל?

תודה ה'?

נא... תודה ה' איז נישט שכח אייבערשטער, שכח אייבערשטער איז פון די גאנצע הארץ...

וויפיל שיעורים האסטו שוין געהערט, וויפל בריוו פון עצתו אמונה האסטו שוין געליינט, און נאכאלץ דארפסטו התחזקות, נו שטעל זיך פאָר דיין שכן, אלע מיט די בעקיטשעס, מיט די טישן מיט די טאנצן, וואס? וואס? וואס? וואס? שטעל זיך פאר, וויפיל שיעורים האסטו שוין געהערט, וויפיל קונטרסים עצתו אמונה האסטו שוין געלערנט, און יעדן מאל האסטו נאכאמאל געשפירט 'אה... שוין, איך גיי שוין זיין א ערליכער איד', און נאכאלץ גייט אריבער וואס גייט אריבער...

וואס טראכסטו? די גאנצעטע קהלות אין ירושלים, גאנץ ... און ... און... און דער מיט יענעם, זיי דארפן נישט קיין חיזוק?

בחורים, ענק דארפן נעמען א זעקל ספרים קונטרסים און גיין הפצה. מען קען נישט עסן אלטע טשולנט פון עצרת המיליאן, אן אלטע מעשה פון הפצה... מען דארף א מעשה פון היינט.

אסאך מאל פרעג איך אויס מעשיות פון תפילה, קומט אריין עפעס א איד, עפעס א שכן, ער האט געבעטן עפעס דעם אייבערשטן פאר 15 יאר צוריק, ער האט געדארפט האבן אן אינסטאלאטאר זאל אים קומען פארעכטן די פלאמינג, זאג איך אים: "דו ביסט משוגע געווארן? פון 15 יאר צוריק האסטו גארנישט צו דערציילן פונעם אייבערשטן? איך וויל היינט פרישע ברויט, פרישע קאווע, פרישע פלייש. גיי יעצט ארויס אינדרויסן און ברענג מיר יעצט א מעשה פון הפצה, ווי דו האסט יעצט מחיה געווען א איד. היינט האב איך געגעבן אן עצתו אמונה פאר א איד און ער האט געעפנט די אויגן און געזאגט: "וואו, איך האב נישט געוואוסט מען קען לערנען, מען קען דאווענען, מען קען תשובה טון, איך הייב אן זיין א ערליכער איד".

אבער ווען איר גייט הפצה זאלט איר שיין אנטון די הוט, שיין צאמנעמען די פאות, נישט גיין מיט פיאות מפוזרות, נישט האבן קיין פלעקן אויף די רעקל, און מען גייט פון טיר צו טיר מיט די יו-עס-בי'ס, סי-די'ס, און מען איז מחיה אידישע קינדער.

די געלט זאלסט עטץ געבן פארן מגיד שיעור אדער פארן מנהל, מען זאל קענען אויסהאלטן די ישיבה..."

**– שמעון עוזר פערל**

## בטל'ן

איך בין געזעצן אין א גרויסע בית המדרש און געזאגט משניות, קומט צו צו מיר א גוטע איד און וויל פשוט אויפמערקזאם מאכן: "דו ווייסט אז דו בטל'סט סתם די צייט יעצט", זאג איך אים: "ניין, איך קוק יעצט סטעטוס, עס זעט נאר אויס ווי איך זאג משניות, אבער באמת בטל איך נישט די צייט יעצט, איך קוק סטעטוס..."

**– שלום שניצלער**

## א שנייע גיסטע

"פארגאנגענעם דאנערשטאג האב איך גערעדט צו דער ראש ישיבה, אינמיטן האט דער ראש ישיבה מיר געפרעגט פארוואס ווען ס'שנייט ווערט די גיסטע אזוי געשמאק, האב איך געזאגט 'אפשר ווייל ס'איז א שיינע קאליר', האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ווייל די פסוק זאגט 'אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו', די שניי דערמאנט אז דער אייבערשטער איז אונז מוחל, ער מאכט אונז ווייס אזוי ווי די שניי..."

**– אברהם הערש וועבערמאן**

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

**בערל שניצלער**

## הכרת הטוב

איין אינדערפרי האט דער ראש ישיבה ארויסקומענדיג פון מקוה נעבן זיין שטוב זיך אנגערופן צו א אינגערמאן דארט: "ווייסט, איך דארף דיר מכיר טובה זיין, שכח פאר די הערליכע וועלט וואס שטעלסט אונז אזוי שיין צו, די גראז, ביימער, הימל..."

ווען די רעאקציע פונעם אינגערמאן איז געווען א 'וואס?' האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דו ביסט דאך א מלמד, אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל פיהם של תינוקות של בית רבן, נו ווער דען האלט די וועלט אויב נישט דו?"...

די חידוש איז געווען אז איך האב דאס שוין געהערט א טויזנט מאל פון דער ראש ישיבה: "אשריכם מלמדים, די וועלט שטייט אויף ענק", אבער דער ראש ישיבה האט נאכאמאל געטראפן א וועג עס זאל אריינדרינגען אין דיינע אויערן...

**– החפץ בעילום שמו**

## נקודות טובות ארויסגענומען פון די שיעורים און שמועסן דורכאויס שבת קודש ויגש אין קרית ברסלב ליבערטי

"די צרה וואס באטרעפט א מענטש קען ער בעצם דורכגיין, זיין פראבלעם איז מער וואס מענטשן גייען זאגן אויף דעם, דאס הרג'עט אים אוועק..."

**– סיפורי מעשיות**

"די הייניגע וועג פון עדווערטייזן אויף די מידיע, מ'כאפט אפ די סטאר און מ'רעדט בשעת מעשה, שאדט גאר שטארק פאר עין הרע, די בעסטע וועג איז די אמאליגע וועג פון לייגן אן עד אויף פאפיר."

**– שיעור סידור עת רצון**

"די לעבעדיגע בחורים, וואקסן אויס אלס אינגערמאן זייער גוט, דער בחור וואס דו זעסט לערנען א גאנצן טאג מיינט נאכנישט אז דאס איז גוט, ס'קען זיין ער קען נישט רעדן צו מענטשן, ס'פעלט אים קאנפידענץ, במילא לערנט ער א גאנצן טאג."

**– א שמועס פרייטאג צונאכטס**

דער ראש ישיבה האט געזאגט

## א בן עלי' אדער א משוגע'נער

"אנהויב פון מיין התקרבות, ווען איך פלעג הערן פון מוהרא"ש ביי די שיעורים אז איינער וואס רעגט זיך אויף, ער ווערט אין כעס, איז א משוגע'נער, פלעג איך עס נישט פארשטיין, 'זיך אויפרעגן איז נארמאל, איינער וואס רעגט זיך 'נישט' אויף איז א בן עליה', אבער נאכן הערן אסאך שיעורים און לערנען אסאך דעם רבינ'ס ספרים, איז עס די מציאות, איינער וואס איז אין כעס איז א פשוט'ע מעשוגע'נער..."

**– שיעור סיפורי מעשיות שבת חנוכה**



# פְּטָרָהלָ'אג

*אין קורצן פון פריער: ר' יצחק הערמאן ז"ל ציעט זיך מיט זיין משפחה קיין אמעריקע, אבער מאכט זיין וועג צוריק מיט זיין ווייב און טאכטער. זיין בחור יעקב יוסף בלייט אין אמעריקע.*

*נאך א שטיק צייט האט זיך יעקב יוסף מסדר געווען מיט פרנסה, און צוריקגערופן זיינע עלטערן צו צוריק קומען קיין אמעריקע.*

*שפעטער האט יעקב יוסף אנגעהויבן זוכן א שידוך.*

*און יעצט לייענט ווייטער.*

ר' יעקב לייב האט אים דאן אנגעטראגן אז ער זאל ארויסנעמען צוויי טויזנט דאלער פון באנק און עס געבן פאר ר' יעקב לייב. דערנאך וועט דער שדכן גיין זאגן אז די אנדראן'ס זענען געקומען מיטן פארשלאג אז זיי געבן צוויי טויזנט דאלער נדן אזוי וועט די מאמע מסכים זיין. און ביים לחיים וועט ר' יעקב לייב אויפטרעטן מיט א דרשה און דאן פארמאל איבערגעבן פאר'ן חתן די שיינע נדן.

יעקב יוסף האט זיך צוגעכאפט און זיי זענען גלייך פון דארט געגאנגען צום באנק און ארויסגענומען די געלט.

אפאר טעג שפעטער איז געפראוועט געווארן א פרייליכע לחיים צו די צופרידנהייט פון אלע צדדים. די מאמע האט געשיינט פאר גליק. איר געלונגענע תכשיט האט באקומען תורה וגדולה במקום אחד. ער האט זוכה געווען צו א געלונגענע, קלוגע און ערליכע מיידל און דערצו איז עס נאך אזא "בעל הבית'טיש" שידוך.

"עס האט זיך געלוינט אויסצוווארטן." האט די מאמע געשמייכלט צו איר יעקב יוסף.

מזל טוב, מזל טוב! יעקב יוסף הערמאן איז א חתן געווארן צו איידל אנדראן.

די פינפטע נאכט חנוכה, כ"ט כסלו איז געפראוועט געווארן די פרייליכע און באשיידענע חתונה. דאס פארפאלק האט אנגעהויבן זייער לעבן גליקליך און באקוועם בגשמיות און ברוחניות.

נאך אין שבע ברכות האט יעקב יוסף דערציילט פאר זיין פרוי וואס ער האט צוגעזאגט פאר'ן אייבערשטן יענעם שבת אין סענטראל פארק, אז ער וועט זיך נישט זעצן צו א סעודה אן קיין געסט. ער האט געפרעגט זיין פרישע ווייבל אויב זי איז מסכים אריינצוגיין אין ביזנעס מיט אים, ווייל ער פלאנט "איינצונעמען די מארק" און זיין א גרויסע עושר אין די ליין פון הכנסת אורחים מיטן נאמען: "הערמאן'ס הכנסת אורחים".

איידל וועלכע איז געקומען פון אן ערליכע און הייליג שטוב האט נישט נאר מסכים געווען, נאר ארויסגעוויזן שטארקע אינטערעס און זיך גענומען דערצו נאך אין שנה ראשונה.

יעקב יוסף האט זיך הערשט דאן אנגעהויבן באקענען מיט די געהויבענע שטריכן פון משפחת אנדראן. ער האט הערשט יעצט געזען וואספארא חסד דער אייבערשטער האט געטון מיט אים און אים געברענגט צו אזא הייליגע שטוב.

הרב שמואל יצחק אנדראן איז געקומען פון דווינסק אין יאר תרנ"ב. ער איז נאכנישט געווען צוואנציג יאר אלט ווען ער האט שוין באקומען הוראה פונעם רב פון שטאט רבי מאיר שמחה כהן זצ"ל באקאנט אלץ דער "אור שמח".

ווען זיינע קינדער זענען



מ. מאנן 4

אונטערגעוואקסן האט ער זיך דערזען מיט די סכנה פון מיליטער. דאס האט געמיינט נישט נאר א גשמיות'דיגע סכנה נאר א כמעט זיכערע רוחניות'דיגע טויט. נאכן זיך אדורכרעדן מיט דעת תורה האט ער געמאכט די באשלוס צו עמיגרירן קיין אמעריקע.

אבער אזויווי פיל אנדערע זענען זיי ביטער אנטוישט געווארן קומענדיג קיין ניו יארק. זיי האבן שנעל איינגעזען אז בגשמיות קען מען זיך אפשר מסדר זיין אבער די רוחניות דא איז ממש א סכנה, נישט צופיל אנדערש ווי אין מיליטער.

באין ברירה האט זיך רבי שמואל יצחק געזעצט לערנען מיט זיינע קינדער און דערמיט מקיים געווען "ושננתם לבניך ודברת בם". רוב טאג האט ער געווידמעט צו לערנען תורה מיט זיינע קינדער.

אבער מיר וויסן די כלל "אם אין קמח אין תורה" אז עס איז נישטא וואס צו עסן, קען מען נישט לערנען תורה.

דעריבער איז הרב אנדראן ארויס זוכן ארבעט. ער האט נאך גרויס מי געטראפן א שטעלע צו זיין א מלמד פאר צוויי שעה נאך פובליק סקול (וואו די קינדער זענען אין יענע יארן געגאנגען) און זיין אויפגאבע איז געווען אריינלייגן אביסל אידישקייט אין די מידע און אויסגעשעפטע ווילדע קינדערלעך.

נאך א גאר קורצער צייט האט ר' שמואל יצחק געזען אז ער האט נישט מיט וועמען צו גיין צום טיש. ער האט געוואוסט דעם כלל וואס דער הייליגער זוהר הקדוש זאגט אז מען רעדט נאר צו אויערן וואס ווילן הערן, און ער האט זיך אפגעזאגט פון זיין פאסטן.

די איינציגסטע ארבעט וואס איז אים פארבליבן אן צו דארפן מחלל שבת זיין איז געווען צו זיין אן אינשורענס אגענט, ווייל דאס האט א מענטש געטון אויף זיין אייגענע צייט. דעריבער האט ער אנגענומען צו ווערן אן אנשורענס אגענט.

אין יענע צייט איז געקומען דער רידב"ז, דער סלוצקער רב, אויף א באזוך קיין אמעריקע. ער איז געקומען שאפן געלט פאר זיין ישיבה. איידער ער איז אהיימגעפארן האט ער געהאלטן א דרשה אין די "פייק סטריט" שול אין מאנהעטן.

אויך ר' שמואל יצחק איז אים געגאנגען הערן. דער רב האט זייער געפייערט און ער האט זיך אפגעשטעלט ביים פסוק פון משלי: "כי נר מצוה ותורה אור." ער האט געזאגט, "א מצוה געגליכן צו א ליכט און די תורה צו א פאקל".

דער רב האט מסביר געווען אז א ליכט ווערט פארלאשן פון א ווינט אבער א פאקל איז פארקערט אז עס קומט א ווינט צופלאקערט זיך עס מער און מער.

דער רב האט דאן געפאדערט אז כדי אידישקייט זאל זיך האלטן און צופלאקערן אין אמעריקע מוז געגרינדעט ווערן ישיבות און תלמודי תורה. "נאר מיט די כח התורה," האט דער רב געוויינט פון זיין הייליג הארץ, "וועלן אידן בלייבן אידן קעגן די ווינטן פון הפקרות וואס בלאזט אזוי שרעקליך אין אמעריקע."

הרב אנדראן אזי אהיימגעקומען זייער באנומען. זייענדיג אן ערליכע איד מיט א שטארקע אמונת חכמים האט ער עס גענומען "לעובדא ולמעשה". ער האט זיך גלייך גענומען דערצו.

די מכה בפטיש איז געווען אז איינער פון זיינע קינדער זענען אין יענע טעג אהיימגעקומען פון פובליק סקול און געבעטן פונעם טאטן געלט פאר סקול.

"צו וואס דארפסטו די געלט?" האט הרב אנדראן זיך נאכגעפרעגט.

די ענטפער איז געווען: "פאר א קראצמען פארטי (חגא) וואס קומט פאר קומענדיגע וואך אין סקול".

דאס הייליג אידיש הארץ האט זיך אזוי צעפייערט און איז צושוידערט געווארן הערנדיג דאס פון זיינע קינדער.

די נעקסטע טאג זענען זיינע קינדער מער נישט געגאנגען אין פובליק סקול.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# געדאנקען

## האט איר אפט קורצשלוסן?

חיים הונגעריג איז שוין זייער הונגעריג.

זיין בויך גרידזשעלעט פון נישט עסן צו דער זעט שוין א לענגערע צייט.

חיים גייט ארום מיט א צוקנייטשטן שטערן.

וואו וועט דא זיין?!

די מצב הפרנסה איז שרעקליך.

חיים קען זיך נישט צאמנעמען.

וואו הייב איך אן?!

מען רופט אים פון שכר לימוד אפיס פרעגן וואס וועט זיין? וואס איז די פלאן?

מען רופט פון גראסערי פרעגן ווען קען מען עפעס געבן אויפ'ן באלאנס?

זיין ווייב רופט אים דערציילן אז ס'איז געקומען א בריוועלע פון די לעקטעריק קאמפאני אז אין דריי מעת לעת האקט מען אפ די לעקטער אויב ער צאלט נישט כך וכך.

דער לענדלארד רופט אז ס'קען נישט אנגיין אזוי!

חיים נעמט א תהלים'ל און ציוויינט זיך, מאין יבא עזרי?

עזרי מעם השם עושה שמים וארץ!

די טעלעפאן קלינגט.

זיין חבר דודי רופט אים אן, מען גייט מאכן א פלאן, עטליכע חברים גייען צוזאמען פרובירן צו העלפן חיים'קען.

מושי מיט יענקי גייען קויפן די טולס (TOOLS), צוויי פארמעגליכע אינגעלייט וואס האבן ליב צו טון חסד און העלפן א איד, שימי מיט הערשי גייען צושטעלן א קליין קאר'עלע פאר די קומענדיגע זעקס חדשים.

חזקי מיט בערי גייען צאלן א ביליגע קליינטשיגע עדווערטייזמענט אין די "צינג און בריסקעט" וואכנאכט צעטל.

מען גייט עדווערטייזן אונזער חיים'ס נייע ביזנעס:

"קול ה'לעקטער" - איז אייער בירנע אויסגעשאלטערט? איז אייער שטעקער אויסגעשטעקט? האט איר אפט קורצשלוס'ן? האט איר אפענע לעבעדיגע געפארפולע בענדלעך? צו דארף מען פלאצירן א נייעם קרייז ברעכער אין אייער פאנעל שאכטעלע? רופט שוין 888-777-6666.

אלע געדענקען גוט פון חדר אז חיים האט באמת צוויי רעכטע הענט, ווען דער מלמד אין כתה ח' פלעגט צילייגן די סוגיא מיט אלע פיטשעוווקעס פלעגט חיים'קע אויפשרויפן און צונעמען זיין ברודערס קאלקעלעיטער מיט אלע פיטשעוווקעס, דער מלמד איז געווען אזוי אריינגעטון אין די סוגיא אז ער האט ניטאמאל באמערקט אז די כתה זעט אויס ווי פענעסאניק (PANASONIC) האט געעפנט זייערס אן אפטיילונג דא אין כתה ח'.

ווען עטרת תפארת חצרותינו איז געקומען באזוכן איז עס געווען נישט קיין אנדערער ווי חיים וואס האט געלייגט ריזיגע שטראלנדיגע אותיות אויפ'ן טויער וואס האט אויסגעשריגן לכל מאן דבעי למידע אז מארגן מיטוואך וועט פארקומען די נעתר לבקשתינו.

אומר ועושה, מען האט זיך א לאז געטון צו האום דיפאו און געקויפט אלע סארט טול'ס וואס א לעקטערישען קען געברויכן. מען האט עס אפילו אריינגעלייגט אין די נייע טייערע אייזערנע רעדלדיגע ארגינעלע האסקי (HUSKY) טול באקס.

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

חזקי רופט אן די בריסקעט וואכנאכט צעטל און לייגט אן עדווערטייזמענט אויף קומענדיגע מאנטאג, עס זאל לויפן יעדן טאג פאר פיר וואכן.

קומענדיגע מאנטאג, פיינע נייעס, פיינע טעלעפאן רופן קומען אריין! דער עולם קומט אריין קלאר! די פיוז באקס ביי משפחת קרייזעראוויטש מאכט צופיל פראבלעמען, מען דארף גיין טוישן די קרייז ברעכער אין די פאנעל שאכטעלע פון משפחת קרייזעראוויטש, מען גייט בע"ה מאכן פיר מאות מיד ליד, אונטער א האלבע שטונדע..... אומר ועושה, מען זעצט זיך אריין אין די קארעלע וואס חזקי מיט הערשעלע האבן גע'עסקנות'ט און אהערגעשטעלט, מען גיבט א באפעל פאר'ן GPS ער זאל פארן צו קרייזעראוויטש, און מיר זענען דא!

חיים'קע טוט זיך אן די בעיס באלל היטל מיט די נייע "קול ה'לעקטער" לאגא, שמייסט ארויס פון קאר מיט אין אימפעט, לויפט צום טראנק, שליסט עס אויף, און עס ווערט אים שווארץ פאר די אויגן! די האסקי טול באקס איז נישט דא! אוי איך האב אינגאנצן פארגעסן!!

נעכטן ביי די בריסקעט וואכנאכט אויבן אין די בערג אין די סאממער האום האט מען אים געבעטן ער זאל העלפן אהיימברענגען די איבעריגע דזשערקי מיט הארטע סאלאמי וואס מען האט אנגעגרייט פאר צוועלף הונדערט מענטשן וואס באלאנגען ביי א דריטע קאזן'ס וואכנאכט. האט ער אויסגעליידיגט די טראנק צו העלפן אהיימברענגען די וויכטיגע לעדערנע דזשערקי. מען האט אים עכט עכט צוגעזאגט אז עכט עכט גייט איינער שוין שוין שוין אט אט אט אפליפערן די האסקי טול באקס. אבער מען ווארט נאך ביים קארנער אז דאס זאל געשען.

דערווייל שטייט חיים'קע ביים קארנער פון משפחת קרייזעראוויטש אן זיינע טול'ס.

אז עס קומען די הייליגע לעכטיגע טעג פון שובבי"ם, בעט איך דיר האלט די טול'ס מיט דיר. האלט ביי דיר א משניות מיט א תהלים. איך בעט דיך. שטיי מיר נישט ביים קארנער אן א משניות און תהלים.

עס שטייט אין ליקוטי מוהר"ן (חלק ב' סימן ע"ג) אז זאגן תהלים איז א סגולה צו קענען תשובה טון.

עס שטייט אין ספר אשית עצות בנפשי (קונטרס ק"ז פרשת עקב תשפ"ה דף י"ד) אז דורך זאגן משניות קען מען ווערן א גרויסער צדיק.

דער ראש ישיבה האט דארט א שיינע שמועס אז דער טאג איז אזוי גרויס אז מען ווייסט נישט וואס צו טון מיט זיך, פרוביר נאר צו זאגן משניות וועסטו קלאר זען אז אן זאגן משניות גייט אוועק די צייט מיט שטותים והבלים. אז מען זאגט משניות פילט מען אז מען האט עפעס אויפגעטון, אז מען זאגט נישט קיין משניות, שטייט מען און מען קוקט אויפ'ן זייגער ער זאל זיך רוקן, און פאר דוקא רוקט ער זיך נישט.

מיר וועלן זיך טרעפן בעזר השם אין א זעקס וואכן, מען וועט האלטן נאך שובבי"ם, די בחורים וועלן שוין דעמאלטס האבן צוגעגרייט "אויפרייס" מוזיק פאר די פורים טעג, און דער שואל ומשיב וועט זאגן א דרשה אז ווער עס וועט זינגען א ניגון פון די גע'אסר'טע ניגונים ליסטע וועט נישט האבן קיין דריסת הרגל.

אז דו וועסט זאגן משניות און תהלים ווארט אויף דיר שיינע לעכטיגע געשמאקע פרייליכע טעג.

"קול ה'לעקטער" - איז אייער בירנע אויסגעשאלטערט? איז אייער שטעקער אויסגעשטעקט? האט איר אפט קורצשלוס'ן? האט איר אפענע לעבעדיגע געפארפולע בענדלעך? צו דארף מען פלאצירן א נייעם קרייז ברעכער אין אייער פאנעל שאכטעלע? רופט שוין .888-777-6666

קרן הס...
היכל...
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל...

על ידי הפצת ספרי רב...

מיר ווילן אויס...
הכרת הטוב ...
הנכבד פאר...

פרנס החו...

מו"ה שלמה...
מו"ה שאול חיים...

דער אייבער...
העלפן אז אין ז...
און פארשפ...
הייליגן רבינ'ס...
דיר דער אי...
ערפילן כל מ...

## פרנס השנה

מו"ה
יצחק אייזיק ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן
גלאנשטיין
הי"ו

מו"ה
הרוצה בעילום שמו
הי"ו

מו"ה
זלמן לייב מייזעלס
הי"ו

מו"ה
אברהם שבתי
מזרחי
הי"ו

## פרנס החודש

**ניסן**
מו"ה יחזקאל זיגלער הי"ו
לע"נ ר' יצחק בן ר' אברהם

**אייר**
מו"ה משה האמער הי"ו
מו"ה אשר לעווי הי"ו

**סיון**
מו"ה בניהו אונגאר הי"ו
מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו

**תמוז**
מו"ה יהודה אריה ראטה הי"ו
הרוצה בעילום שמו

**אב**
מו"ה אלי קנאלל הי"ו
מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו

**אלול**
מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו
מו"ה עלי מזרחי הי"ו

*sruliHeskel

...דפסה

...ל הקודש ברסלב

...ותלמידיו הקדושים בעולם

...נו נביא משיח צדקינו

...דריקן אונזער
...פאר ידידנו
...ן מנדב זיין

...דש טבת

...לאנדא הי"ו
...ן איינהארן הי"ו

...שטער זאל
...בות פון דרוקן
...פרייטן דעם
...ספרים זאל
...בערשטער
...שאלות לבך.

## פרנס השנה

מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו

מו"ה יקותיאל פעלדמאן הי"ו

מו"ה מאיר וויזעל הי"ו

מו"ה דוד טשינגל הי"ו

מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו

## פרנס החודש

| | | | |
|---|---|---|---|
| תשרי | מו"ה חיים ישעי' דעפרים הי"ו<br>מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו | טבת | מו"ה שלמה לאנדא הי"ו<br>מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו |
| חשון | מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו<br>מו"ה דוד מין הי"ו | שבט | מו"ה מרדכי היימליך הי"ו<br>מו"ה שלום יצחק מאסרי הי"ו |
| כסלו | מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו<br>מו"ה משה עקשטיין הי"ו | אדר | מו"ה יואל אפפענהיים הי"ו<br>מו"ה יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו |

# א מעשה פון א צדיק

## טראגט די נבילה

אהרן קליטניק

ווען די שטאט ניקלשבורג האט געזוכט א שטאט'ס רב, האבן זיי אויפגענומען הרב הקדוש רבי שמעלקא צו זיין דער רב אין שטאט, און ווי באוואוסט ביז היינט רופט מען אים דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זכותו יגן עלינו.

אויפן וועג פארנדיג צום שטאט צו ווערן אויפגענומען אלס רב, האט ער זיך אפגעשטעלט אין א סטאנציע און אריינגעגאנגען אין א צימער איינער אליין. ער האט פארשפארט די טיר, און זיך אויפגעהאלטן דארט פאר א לענגערע צייט.

זיין באגלייטער איז געווארן זייער נייגעריג וואס ער טוט דארט. האט ער צוגעבויגן זיין אויער צום טיר, אפשר וועט ער קענען אויפכאפן וואס דארט טוט זיך. אזוי צובייגנדיג דעם אויער הערט ער ווי דער צדיק זאגט איבער און איבער שבחים אויף זיך: "ברוך הבא רבי... ברוכים הבאים רבי צדיק קדוש הדור"... און אזוי ווייטער נאך אזעלכע סארט שבחים אויף זיך אליין.

פאר דעם גבאי איז דאס געווען גאר א גרויסע וואונדער וואס איז פשט אז דער רבי איז זיך אזוי משבח. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון צימער האט ער גענומען די חוצפה און עזות צו פרעגן, און זיך אנגערופן צום רבי ר' שמעלקא: "רבי, וואס איז דער פשט פון דעם אז דער רבי איז זיך אזוי משבח?" האט דער רבי געענטפערט מיט גרויס ענווה: "אין שטאט ניקלשבורג ווארט מיר יעצט אפ גאר א גרויסער כבוד, אלע גייען מיר מכבד זיין, אלע רבנים פון ארום און ארום גייען זאגן דרשות און מיר משבח זיין, און זאגן לויב ווערטער. איך וויל פשוט נישט צוקומען צו גאווה צו טראכטן אז איך בין מער ווי א צווייטן, אבער איך האב מורא די ווערטער וועלן מיר בארירן אז איך בין עפעס מער פון א צווייטן. האב איך מיר אליין געזאגט די שבחים אויף זיך אליין און איך ווייס ווי די שבחים זענען נישט אמת, אזוי ווען איך וועל עס הערן די שבחים פון אנדערע וועט עס נישט מאכן קיין רושם אויף מיר, עס וועט נישט זיין קיין חידוש ווייל איך האב שוין געהערט די שבחים איין מאל."

האט מוהרא"ש צוגעלייגט צו דעם א מעשה וואס איז געווען ביים תלמיד פון רבי ישראל סאלאנטער זכרונו לברכה, רבי יצחק בלאזער פון פעטערבורג זכרונו לברכה (הנקרא רבי איצעלע פעטערבורגער), וואס ער איז געווען פון די גרויסע בעלי מוסר.

איינמאל שמחת תורה זענען זיינע תלמידים געווען גאר פרייליך, און אינמיטן די פרייליכע טענץ האבן זיי אים אויפגעהויבן אזוי ווי מען הייבט אויף א חתן ביי זיין חתונה. ווייל דער רבי יצחק איז געווען א שטיק תורה, איז ער ממש געווען דער חתן פון שמחת תורה, אזוי האט מען ארומגעטאנצט מיט אים ווי מיט א חתן.

אבער די תלמידים האבן באמערקט ווי עפעס זאגט ער שטיל צו זיך אליין. האבן די תלמידים פרובירט צוצולייגן אן אויער וואס רבי יצחק זאגט. האט מען געהערט ווי ער זינגט דעם ניגון וואס זיי זינגען, אבער ער זאגט די ווערטער "טראגט די נבלה... טראגט די נבלה"... ווייל ער האט נישט געוואלט נהנה זיין פון דעם כבוד וואס מען גיט אים, האט ער זיך אליין פארשעמט אז ער איז א נבלה און מען טראגט יעצט א שטיקל נבלה.

האט מוהרא"ש אויסגעפירט, אמאל ווען די אידן זענען געווען בקי אין כל התורה כולה און זיי זענען געווען ווייט פון יעדער סארט עבירה, האבן זיי געדארפט שווער ארבעטן נישט צוצוקומען צו גאווה. אבער היינטיגע צייטן איז גענוג אז מען קוקט זיך אין שפיגל און מען זעט ווער מ'איז, איז נישט שייך צוצוקומען צו גאווה און ישות.

בפרט אז מען איז מקורב צום הייליגן רבי'ן, וואס דער רבי זאגט: "סימן שאדם מקורב אצל צדיק אמת" - אז דער סימן אז מען איז מקורב צום צדיק אמת איז - דאס איז נאר "כשנופלת עליו שפלות" - ווען עס קומט אויף דעם מענטש אן ענווה אז ער אנערקענט ער איז נישט מער פון א צווייטן, ער האט סבלנות, ער שאפט נישט אויף א צווייטן, ער רעדט מיט כבוד צו א צווייטן, ער איז מקורב צום צדיק אמת.

*שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך שפלות*



רבי יצחק בלאזער זי"ע מגדולי בעלי מוסר



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קמ"ד

## פארזעצונג פון פריער:

**כ"ח כִּסְלֵיו, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער צִיבּוּר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"א, א') "וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ד), אִין וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט אַסַאךְ פוּן בֵּירוּר אוּן זִכּוּךְ הַמְדַמֶּה, זִיךְ אוֹיסְצוּלַייטֶערְן דֶעם מֹחַ אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן רִיכְטִיג.**

**אַ גְרוֹיסֶער צִיבּוּר קוּמְט אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן**

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ בֵּירוּר וְזִכּוּךְ הַמְדַמֶּה, פוּן יֶעצְט קֶענְסְטוּ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מְחַדֵּשׁ זַיין אַסַאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, פוּן דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן אָפְּשְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשִׁים, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיין הֵיילִיג סֵפֶר "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", וָואס דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי חִידוּשִׁים אִיז גֶעוֶוען לוֹיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע אוּן כָּשֵׁר'עֶ כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אִיר מֶעגְט מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיר קֶענְט מַשִּׂיג זַיין מִיט אֵייעֶר כֹּחַ הַמְדַמֶּה, דָאס וָואס אִיךְ קֶען מַשִּׂיג זַיין מִיט מַיין שֵׂכֶל".

[דָאס דַארְף דִינֶען אַלְס מוּסָר לֶעקְצִיעֶ פַאר גֶעוִויסֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס קֶעגְן דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה לוֹיט דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע אוּן כָּשֵׁר'עֶ כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אִיר מֶעגְט מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכ"א), אוּן אִין דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט יֶענֶעם שַׁבָּת חֲנוּכָּה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ד) זָאגְט דָארְט דֶער רֶבִּי אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג פוּן יֶענֶע וֶועלְט, זַיין מַחְשָׁבָה אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ קְלָארֶע אוּן לוֹיטֶערֶע כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אוּן עֶר קֶען מְחַדֵּשׁ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"א) אַז אַ אִיד דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ אוּן פַארְגֶעניגְן פוּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם, עֶס אִיז זֶענֶען שׁוֹין פַארְפַאסְט גֶעוָוארְן אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן עֶס וֶועט נָאךְ פַארְפַאסְט וֶוערְן אַסַאךְ סְפָרִים, אוּן יֶעדֶע סֵפֶר פֶעלְט אוֹיס פַאר דִי וֶועלְט.

מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשִׁים אוֹיף דִי יְסוֹדוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן מֶען דַארְף דָאס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן, אוּן מִיט דֶעם מְקָרֵב זַיין נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר].

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, הָאט מֶען גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן וִוי עֶר זָאגְט, "צוּמָאל וֶוען מֶען וִויל הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף קָאפּ וֵוייטָאג, נֶעמְט מֶען בְּלוּט פוּן דִי אָדֶערְן אִין דִי פִּיס". [זֶע אִין פֵּירוּשׁ "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה" אוֹיף דִי תּוֹרָה].

נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזָאגְט וִוי אַזוֹי מֶען צִינְדְט חֲנוּכָּה לִיכְט, מִיט דִי בְּחִינָה פוּן 'לְאַמְשָׁכָא מְשַׁח רְבוּת קוּדְשָׁא וּלְאַדְלָקָא בּוֹצִינָא', אַ בְּחִינָה פוּן 'שֶׁמֶן מִשְׁחַת קֹדֶשׁ' (שְׁמוֹת ל', כ"ה), וָואס דָאס אִיז דִי 'דַעַת', וִוי בַּאקַאנְט", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט וַוייטֶער עֶרְקְלֶערְט וָואס עֶר מֵיינְט.

י"ב שְׁבַט, שַׁבָּת שִׁירָה, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע.

דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער חַיָּה אִיז דֶעמָאלְט דָארְט גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעלִיטְן דֶעמָאלְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע קְרֶענְק אוֹיף דִי אוֹיגְן, עֶס הָאט אִיר אַרוֹיפְגֶעוָואקְסְן אוֹיף דִי אוֹיגְן עֶפֶּעס וָואס מֶען רוּפְט 'בִּילְמָא', בִּיז זִי אִיז כִּמְעַט בְּלִינְד גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ב) אוֹיפְ'ן מַאֲמָר אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (מִשְׁפָּטִים צ"ה.) "עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְּלֵית לָהּ עֵיינִין", אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז זִי גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם, אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה פַאר זַיין טָאכְטֶער.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



# מיר קומען שוין אן אין שטעטל

ערווארט אייער פערזענליכע איינלאדענונג

קוקט ארויס אויפן

*sruliHeskel







'קרן הבנין בית התבשיל' בראשור



"מורי ורבותי", שטורעמט זיין שטימע טעגליך אין בתי מדרשים לענגאויס אלע היימישע געגנטער ביים מאכן אפיעלס אלס א גבאי צדקה.

וואס איז די עצה צו ארויסזען גרויסע סכומים פון גבירים?

פארוואס מאכט מען פאר פאנדרעיזינג א קאנפערענץ מיט אלע פאנדרעיזערס?

וואס האט ער ארויסגענומען לעובדא ולמעשה פונעם קאנפערענץ?

הערט פון ר' אשר קרויס ווי אזוי זיין פאנדרעיזינג קאריערע האט זיך אנגעהויבן, און די סוד וואס ליגט אונטער זיין הצלחה ביים גיין נאך געלט.

ישראל דוד העסקעל



# עולם הפאנדרעיזינג

אגוט יאר אלע טייערע ליינערס, מיינע גוטע פריינד. ווי אלע וואס קענען מיר ווייסן, אז ביז נישט צו לאנג צוריק האב איך געהאט די זכיה צו זיין א מלמד ביים הייליגן רבינ'ס חדר אין קרית ברסלב - די גרעסטע זכיה וואס עס איז נאר דא! דער אייבערשטער האט אבער געפירט אז ס'איז געקומען צו א מצב פון "כשם שמקבלים שכר על הדרישה כך מקבלים שכר על הפרישה"...

מאת השם היתה זאת, אלעס פירט דער אייבערשטער, און דעם פארלאפענעם זומער האט דער אייבערשטער געפירט אז איך בין ארויס פון מלומדות.

זייענדיג א תלמיד פון דער ראש ישיבה, האב איך געוואוסט אז איך קען נישט זיצן מיט ליידיגע הענט. איך מוז אהיימברענגען ברויט. די גאנצע קרעדיט קארטל שפיל פון סווייפן און "ס'וועט שוין זיין", וואס ליידער ווערן אסאך אינגעלייט היינט פארכאפט אין דעם, איז דאך נישט שייך פאר א תלמיד היכל הקודש. האב איך זיך געלאזט אויף די יארכע זוכן סיי וואס פאר א פאסטן איינער וויל מיר געבן, אז איך זאל קענען אהיימברענגען מיד ליד.

די ערשטע ארבעט וואס איז אונטערגעקומען איז געווען ווען מו"ה ישראל פוקס הי"ו האט מיר געזאגט אז ער האט פאר מיר א צייטווייליגע פרנסה פון ארומגיין אין די קאנטריס אויפפיקן די רבי מאיר בעל הנס פושקעס. ס'איז נישט געווען קיין גרינגע ארבעט און ס'איז געווען בלויז דריי שעה א טאג, אבער שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט עפעס אהיימברענגען.

אזוי ווי ס'איז דאן געווען אנפאנג זומער, האט די באוואוסטע כלל ישראל שול אין וואודבורן וואס פארמאגט זומער א גרויסע מנינים סענטער, זיך געניטיגט אין א שמש, איינער וואס זאל מסדר זיין די מנינים, מאכן זיכער אז ס'פארט איינס נאכן צווייטן, און ארומגיין מיט די פושקע ביי אלע תפילות.

איך קען זאגן אז דאס איז לכאורה געווען דאס ערשטע מאל וואס איך בין געווען א פאנדרעיזער...

אלס שמש האב איך געקענט נעמען די פושקע און גיין געבן א קלאפ מענטש נאך מענטש מיט די פושקע און יוצא זיין... אבער דאך, אלס א תלמיד פון דער ראש ישיבה וואס האט אין מיר איינגעבאקן דעם "הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות" - זעסט א מענטש, געב א שמייכל, געב א גוט ווארט - האב איך דאס גענומען אויף מיר מיטן גאנצן שטארקייט.

איך האב יעדן איינעם באגריסט מיט א שמייכל, מיט א גוט ווארט, זאל זיין ווער זאל זיין, און שכח אייבערשטער אז ס'האט טאקע זייער געשמאק געמאכט פאר מענטשן צו קומען דאווענען.

אבער ס'איז דאך אנדערש צו גיין נאך געלט ביי די מנינים פון "מיין שול" ווי ארומצוגיין נאך געלט פאר א צווייטע מוסד אדער ארגאניזאציע. דא, אפילו איך גיי נאך געלט, גיי איך נאך געלט ביי מיר, דא איז מיין שול, איך בין דער בעל הבית, איך קען אויסקלאפן אויב פעלט אויס. איך פארמאג מיין גאנצע היימישקייט דא, און דאס מאכט עס אסאך גרינגער ווי ווען מ'גייט נאך געלט ביי יענעם, דארף מען שוין פרעגן רשות אויסצוקלאפן, מ'האט נישט די גאנצע היימישקייט, ס'איז זייער אנדערש... ווי אויך האט א מענטש מער א געפיל צו געבן ווען איך גיי נאך געלט פאר די שול וואו ער דאווענט יעצט און האט דא הנאה.

ב"ה אז מענטשן זענען געווען זייער צופרידן דורכאויס דעם





זומער, און מענטשן פלעגן ארײַנלייגן אין די פושקע אפילו גרעסערע סכומים. איך האב פרובירט דאס מערסטע וואס איך קען צו טון מיין ארבעט בשלימות און יעדן געבן גוטע ווערטער, און ס'האט זיך זייער שיין אויסגעצאלט ב"ה.

איין אינטערעסאנטע מעשה געדענק איך יעצט: א איד איז געקומען אין שול צופרי און ער האט פארגעסן זיין טלית ותפילין. ער האט געזען אז איך בייס נישט, איז ער מיר געקומען פרעגן אויב איך קען אים העלפן. איך האב גראד געזען אים צו פארשאפן א טלית מיט תפילין, און ער איז מיר זייער דאנקבאר געוועזן. האט ער ארײַנגעלייגט הונדערט אכציג דאלער אינעם פושקע!

## גיין נאך געלט אין די שולן

סוף זומער האב איך ב"ה געמאכט א שמחה. מיר האבן געהאט א נייע בעיבי, האב איך זיך דאן ארײַנגעצויגן מיט די קימפעטארין צו מיין שווער וואס וואוינט אין קרית יואל. דאן האב איך זיך ווידער געטראפן אן קיין געהעריגע קוואל פון פרנסה. האב איך געפאלגט די עצות פון דער ראש ישיבה. דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס אז מ'טאר נישט זיין קיין גנב, מ'מוז באצאלן רענט וכו'. בין איך געגאנגען ביי די מנינים יעדן טאג אין קרית יואל נאך געלט.

פון מיין שמייכל און גוטע ווערטער האב איך נישט פארגעסן. הגם רוב צדקה גייער האבן מער אן ערנסטע מינע, האב איך זיך אבער נישט געשעמט, נאר איך בין געגאנגען נאך געלט "פאר מיין חבר" צו קענען באצאלן רענט מיט דעם גרעסטן שמייכל און ארײַנגעגעבן דאס מערסטע פרישקייט ביי די מענטשן וואס איך בין צו זיי געגאנגען נאך געלט.

שכח אייבערשטער אז איך האב געמאכט גאנץ שיין דעמאלט.

פון געבן א שמייכל און א גוט ווארט דערלייגט מען נישט! איך האב געקענט מאכן דריי-פיר הונדערט דאלער א טאג! איך האב גערעדט מיט מענטשן און געשמאק געשמועסט. איך האב פרובירט צו מאכן א געשמאקע אטמאספער, און שכח אייבערשטער אז איך האב נושא חן געווען און געקענט ווייטער אנגיין אין מיין לעבן אן צו דארפן ווערן חלילה א בעל חוב.

איך האב אבער זייער נישט געוואלט זיין קיין נהנה פון צדקה. איך האב געוואלט א פרנסה, קענען זיין נהנה מיגיע כפי, ארבעטן און פארדינען צו קענען לעבן, נישט אפיציעל לעבן פון צדקה ח"ו. האב איך גענומען די עצה פון בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג. בין איך געגאנגען אין א זייט און זיך אויסגעשמועסט מיין הארץ מיטן באשעפער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל א גוטע פרנסה, איך זאל האבן סיפוק און קענען אויסהאלטן מיט דעם מיין משפחה, און איך האב אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן אז פאנדרעיזינג ציט מיך.

## א פאנדרעיזער

תפילה תפילה, טאג נאך טאג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ביז די טאג איז אנגעקומען. איין טאג גיי איך נאך געלט אין א מנין אין קרית יואל, און א איד אין די פערציגער יארן שטעלט מיך אפ. ער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען און ער האט מיר געווינקען אז איך זאל ארײַנלייגן מיין נאמבער אין זיין טעלעפאן. ער וויל מיט מיר עפעס רעדן.

איך האב נישט געהאט קיין אנונג ווער דאס איז און וואס ער קען פון מיר וועלן, אבער אז א איד בעט, האב איך אים געגעבן מיין נאמבער. ער האט עס ארײַנגעלייגט אין זיין טעלעפאן און ער ווינקט מיר אז מיר וועלן באלד זיין בקשר.

די טאג איז אריבער, איך האב פון אים גארנישט געהערט, און

איך האב פארגעסן פון דעם. אויפצומארגנס אינדערפרי באקום איך א רוף. איך הייב אויף, "העלאו?"

"יא, א גוטן! דא רעדט מו"ה אשר מענדל קאהן הי"ו (א זון פון מרת קאהן וואס דער רבי פון סאטמאר זי"ע האט איר געהייסן עפענען די ארגאניזאציע ביקור חולים). איך האב אן ארגאניזאציע וואס הייסט ביקור חולים, איך וויל מיט דיר רעדן."

אקעי, וואס קען איך אייך העלפן?

"אונזער ארגאניזאציע האט יעצט געעפנט א נייע פליגל וואס העלפט פאר מענטשן וואס מוטשען זיך מיט מענטל העלט - חולי הנפש. איך וויל וויסן אויב דו ווילסט ווערן א פאנדרעיזער צו גיין נאך געלט אין די שולן פאר אונזער ארגאניזאציע!"

איך בין געווארן זייער איבערראשט צו זען ווי אזוי דער אייבערשטער האט מיך צוגעפירט ממש וואס איך האב געבעטן בלויז דורך תפילה און האבן אמונת חכמים, און האב פארשטייט זיך גלייך מסכים געווען צו קומען פאר אן אינטערוויו.

די אינטערוויו איז געפארן זייער געשמירט ב"ה. איך האב נושא חן געווען ביי אים און אויפן פלאץ האט מען מיך אויפגענומען צו ווערן א פאנדרעיזער פאר דעם פאסטן.

ער האט מיר געזאגט אז מיין ארבעט וועט זיין צו גיין אין אלע היימישע שולן און מאכן אפיעלס פאר די ארגאניזאציע. ער האט מיר געזאגט אז ער וועט מיר צושטעלן אלע חומר, בראשורן און סיינס צו מאכן א שטיקל אויפוואכונג, און איך וועל גיין אויסקלאפן ביי די מנינים און שמועסן מיט מענטשן, זיי אנווארעמען צו וועלן געבן שיינע נתינות פאר ביקור חולים.

ער זאגט מיר בשעת מעשה: "איך וועל דיר זאגן דעם אמת, דו האסט טאקע א גוטע נאטורליכע פאך פאר פאנדרעיזינג, אבער פארט פעלט דיר די עקספיריענס. הער אויס, ווען דו ביסט געגאנגען אין די מנינים נאך געלט, האסטו טאקע געשמייכלט און געגעבן גוטע ווערטער וואס האט זייער גוט אויסגענומען ביי מענטשן, אבער דו האסט נישט געבעטן א סכום. ווען מ'גייט נאך געלט, בעט מען א סכום."

און אזוי בין איך פון איין טאג צום צווייטן געווארן א פאנדרעיזער!

# וואס קענסטו זאגן מער איבער שוועריקייטן וואס פאסירן ווען מ'פאנדרעיזט און בעיקר וויאזוי מ'קומט עס איבער?



די כלל ישראל שול



די קאנפערענץ

איינער פון די שווערסטע זאכן אין פאנדרעיזינג, און טאקע ביי די גרויסע נעוויגעישן קאנפערענץ די וואך איז דאס געווען פון די הייסטע טעמעס, נעמליך וויאזוי צו אננעמען ווען דו בעטסט איינעם געלט און דו באקומסט אין פנים א לא מיט אן א'...

וואס איך מוז צולייגן איז, אז וויבאלד דער ראש ישיבה האט אזוי שטארק ארייגעלייגט אין די תלמידים די זאך פון גיין נאך געלט, און די זאך פון נישט מאכן א מציאות פון א מענטש, נאר וויסן אז דער אייבערשטער איז דא און אלעס איז דער אייבערשטער, איז דאס פאר מיר בכלל נישט קיין שוועריקייט!

דער ראש ישיבה באקט אריין אין אונז א קלארע אמונה. איך ווייס אז פרנסה קומט פונעם אייבערשטן, נישט פון דעם עושר אדער יענער שיינער איד. דער אייבערשטער איז דער וואס געבט, און ער מאכט אלעס און טוט אלעס, דעריבער איז בכלל נישט שייך צו ווערן באליידיגט אדער מאכן א מציאות פון א מענטש.

און ער וועט מיר געבן שיין.

מענטשן פרעגן מיך פון וואו איך נעם די שטארקייט אריינצוקומען אין שול און אויסקלאפן אן אפיעל, אפילו איך בין אזוי יונג און איך האב נאך בכלל נישט קיין סאך עקספיריענס? די אמת איז אז די שאלה איז זייער א ריכטיגע שאלה... אבער דער תירוץ איז זייער פשוט. נאכן הערן הונדערטער שיעורים פון אמונה, נאכן דורכלערנען עצתו אמונה, און נאכן האבן די זכיה אריינצולייגן אין די קינדער אמונה, ווערט די פחד פון מענטשן אויס. איך ווייס און איך זע מיט א קלארקייט אז אלעס איז דער אייבערשטער - אין שום מציאות בלעדיך יתברך כלל!

מיט די לימודים פון דער ראש ישיבה קום איך אריין צו א מנין, איך קוק זיך אום און איך טראכט צו זיך: "דא איז פארהאן א מנין פעקלעך צרות און איך בין דער פריילעכסטער און גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט" - און אזוי בין איך זייער מצליח מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

## 99 מאל הערן ניין

נאך אן אינטערעסאנטע נקודה איבער פאנדרעיזינג וואס איז זייער שטארק ארויסגעברענגט געווארן ביים קאנפערענץ איז, אז מ'דארף זיין גרייט צו הערן 99 מאל 'ניין' צו קענען באקומען איין 'יא'. אויב איז די מח אזוי אויסגעשטעלט, דאן ווערט עס אסאך גרינגער ווען ס'גייט אריבער א שווערע טאג פון הערן ניין פון יעדן איינעם. אבער איך ווייס אז אזוי קומט עס, באלד וועל איך שוין טרעפן דעם איין איד וואס איז יא ווארעם פארן צוועק

## פארוואס פעלט אויס דער צוזאמקום פון אלע פאנדרעיזערס צוזאמען?



לאמיר דיר מסביר זיין פארוואס עס פעלט אויס. איינע פון די שטארקע שוועריקייטן פון פאנדרעיזינג איבער אנדערע שטעלעס איז, אז ביי פאנדרעיזינג זענען נישט דא קיין כללים. ס'איז נישט דא אזא זאך ווי "איך האב זיך געלערנט פאנדרעיזינג, איך האב די פאך". יעדער מענטש איז א וועלט פאר זיך, און מיט יעדן דארף מען טרעפן א נייע מהלך, א צוגאנג. ווי אזוי רעד איך מיט אים? וואס איז זיין שפראך? ווי אזוי ווארעם איך אים אן? און אזוי ווייטער. דעריבער פעלט זיך אויס פאר פאנדרעיזערס אזא טאג פון זיך צוזאמנעמען און זיך דורכשמועסן, הערן מהלכים און געדאנקען איינער פונעם צווייטן, ווי אזוי זיך צו פארבעסערן און קענען איבערקומען די כסדר'דיגע שוועריקייטן. דערפאר האט מען געמאכט די נעוויגעישן קאנפערענץ פאר די פאנדרעיזערס.

אזוי ווי איך בין א פרישער פאנדרעיזער, איז עס געווען די ערשטע מאל וואס איך בין געגאנגען, און ס'איז פאר מיר געווען זייער אן אינטערעסאנטע איבערלעבעניש. אריינקומענדיג אינעם זאל איז קודם געווען אזא שטיקל עקספא פון פארשידענע קאמפאניס וואס שטעלן צו געוויסע סערוויסעס פאר פאנדרעיזינג. למשל, ס'איז געווען דארט א טיש פון די בארימטע קאמפאני דאונערי, וואס שטעלט צו אלע מיני טעכנאלאגיע פאר צדקה, סיי פאר די פאנדרעיזער און סיי פאר מענטשן צו קענען גרינגער געבן צדקה. האבן זיי דארט ארויסגעשטעלט אלע זייערע סערוויסעס וואס זיי קענען אלץ ארויסהעלפן מיטן גיין נאך געלט.

אויך זענען געווען עטליכע קאמפאניס וואס שטעלן צו א רייע אינטערעסאנטע געדאנקען פאר מתנות פאר נדבנים. א זילבער געשעפט איז געווען וואס האט ארויסגעשטעלט אלע מיני זילבער שטיק פאר מער טייערע מתנות. ס'איז געווען דארט אן אינטערעסאנטע אויסשטעל פון א קאמפאני וואס מאכט אלעס אין קליין. זיי האבן געוויזן א מקוה געבויט אין קליין מיט אלע דעטאלן. ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט. אויך איז געווען א קאמפאני וואס געבט דיר גלעזער אנצוטון און דו קענסט ארומשפאצירן אין סיי וועלכע פלאץ אדער בנין אפילו נאך בעפאר ס'איז געבויט. דאס איז געווען ווען מ'האט אריינשפאצירט אינעם זאל.

אזוי ווי די ארגאניזאציע, די חלק וואס איך שאף געלט פאר דעם, איז גאנץ א נייע ארגאניזאציע, בין איך דער ערשטער עמטליכער פאנדרעיזער. דאס הייסט, ביז אהער איז די גאנצע פאנדרעיזינג געלעגן אויפן מנהל המוסד, וואס זיין ארבעט איז בעצם אויסדריקליך נישט צו דארפן זיין פארנומען מיט שאפן געלט. נאר וויבאלד ער טוט עס מיט הארץ, איז ער געגאנגען נאך געלט, און אפילו יעצט, ביז איך וועל מיך קענען גענוג גוט ארויפארבעטן צו קענען, מיטן אייבערשטנ'ס הילף, דעקן דעם פולן בודזשעט פון איבער א מיליאן דאלאר, גייט ער נאך דערווייל ארויף צו עשירים צו קענען דעקן די שווערע קאסטן.

## וואס איז בעיקר דיין חלק

## פונעם ארגאניזאציע?

דער עיקר חלק אויף וואס איך בין זיך יעצט מצמצם איז אויפצוסיינען מענטשן צו געבן א חודש'ליכע נדבה. פארשטייט זיך אז איך וויל קענען אריינברענגען רעבישע סכומים, אבער מיר איז מער א געווינס צו קענען באקומען אפילו גאר א קליינע סכום חודש'ליך ווי א גרעסערע איינמאליגע סכום. און די חשבון איז אז דער איינמאליגער סכום איז איינמאליג... אפשר פונקט יעצט האט ער געהאט די געפיל, האב איך באקומען פון אים דעם סכום, אבער ס'איז זייער שווער צו בויען אזוי א שייכות מיטן מענטש ווייל ער האט גארנישט מיט מיר און עס קען זיין אז קומענדיגע מאל ווען איך וועל אים בעטן, וועט ער בכלל נישט האבן קיין געפיל...

ווידעראום, דער וואס געבט חודש'ליך, אפילו בלויז אכצן דאלער, אבער איך הייב אן האבן מיט אים א באציאונג. איך רעד מיט אים פון צייט צו צייט און איך קען אים צוביסלעך אנווארעמען מער, און קומענדיגע יאר, נאכדעם וואס מיר האבן שוין א שטיקל שייכות און היימישקייט, קען איך אים שוין בעטן אפשר קען מען ארויפרוקן דעם סכום צו צוויי און פופציג דאלער יעדן חודש. דעריבער, אפילו ס'איז א קלענערע סכום, אבער אויב איז עס חודש'ליך, איז עס א גרעסערע געווינס.

יעצט, פארשטייט זיך אז מענטשן ווילן דאס נישט לכתחילה. רוב מענטשן ווילן ענדערש יא געבן אן איינמאליגע נתינה און נישט זיין צוגעקלעבט צום פאנדרעיזער... דעריבער איז די נקודה - ווי אזוי יא צו קענען איבערררעדן א מענטש צו נעמען א חודש'ליכע זכות - געווען עפעס וואס איך האב זייער אויסגעוואוארט צו קענען הערן ביים קאנפערענץ.

ביי די ערשטע דרשה וואס איך האב געהערט, האט דער בעל דרשן זייער שטארק אויפמערקזאם געמאכט אז דער פאנדרעיזער זאל טראכטן ווי א נדבן - וואס גייט ער הערן ווען דו קומסט אים בעטן געלט? וואס איז דיין מעסעדזש וואס דו ווילסט אים געבן וועגן דיין צוועק?

## דער חילוק פון פאנדרעיזן פאר אן ארגאניזאציע און א צוועק אינטער א קהילה

דער חילוק פון זיין א פאנדרעיזער פאר אן ארגאניזאציע אדער א קהילה איז, אז פון איין זייט איז טאקע גרינגער פארן פאנדרעיזער פון די קהילה צוזאמצונעמען צדקה, ווייל די מענטשן האבן שוין א געפיל. א מענטש וואס געהערט צו א





די ברסלבע גבאי צדקה ביים קאנפערענץ

קהילה האט געווענליך א געפיל צו העלפן בויען זיין קהילה, ווען דער גבאי צדקה נישט דארפן אזוי שווער באארבעטן דעם נדבן אים אויפצוקלערן די וויכטיגקייט פון דעם צוועק. אנדערש איז ביי א גבאי צדקה פון אן ארגאניזאציע אדער פון א צוועק נישט געבינדן צו א קהילה, ווי מ'דארף מער באארבעטן דעם מענטש צו בכלל האבן א געפיל און נאכדעם אים בעטן די נדבה.

פון די אנדערע זייט אבער איז דער גבאי צדקה פון א קהילה על פי רוב לימיטעד צו די מענטשן פון דער קהילה און מוז מיט יעדן איינעם אלץ בלייבן אין גוטע באציאונגען, ווייל אויב פארלירט ער איין נדבן איז עס א גרויסע פארלוסט. דארף מען אסאך מער אכטונג געבן. אבער ביי א פאנדרעיזער פון גאס, אויב שמעקט איינעם נישט מיין נאז, נו נו, ארויפציר דעם גאס איז דא נאך א שול. איך בין נישט לימיטעד צו די פאר אידן דווקא.

## א שווערע טאג

אויך איז ביים קאנפערענץ געווען א פאנעל פון דריי גרויסע פאנדרעיזערס. זיי האבן זייער שיין אויסגעשמועסט ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אין א שווערן טאג, ווען איך קום אן צו א שול מיט א פלאן ארויסצוגיין מיט א מינימום פון טויזנט דאלער, און למעשה דערזע איך זיך מיט בלויז דריי הונדערט דאלער!

ס'איז גארנישט. מ'טאר זיך נישט לאזן צוקלאפן ווען דער אייבערשטער פירט אנדערש ווי מיינע חשבונות. איך דארף מיך טון דאס מייניגע, און ווי אזוי דער אייבערשטער וועט פירן, בלייב איך פרייליך און איך דערהאלט זיך. פאר מיר דאס צו הערן פון א וועטעראן גבאי צדקה האט עס אסאך געמיינט פאר מיר. איך בין נאך יונג, איך בין פריש, איך האב נאכנישט די עקספיריענס, און זייער שנעל קען מען צובראכן ווערן ווען זאכן גייען אנדערש ווי איך האב זיך אויסגע'משל'ט... איז דאס געווען פאר מיר א חיזוק אז אפילו דער עלטערער, גרויסער, מעכטיגער פאנדרעיזער האט אויך זיינע שווערע טעג...

## קאנעקטן מיט א נדבן

יעצט, ווען ס'קומט צום נדבן צו געבן געלט, זענען דא צוויי עיקר סיבות פארוואס דער מענטש געבט געלט: אדער ווייל דער נדבן האט א שטארקע געפיל פאר דעם ספעציפישן צוועק, אדער ווייל ער איז פריינטליך מיטן גבאי צדקה. ער שפירט זיך באקוועם און געשמאק מיט אים, דעריבער וויל ער אים געבן געלט. און פארשטייט זיך אז ביי אסאך פעלער איז עס ביידע צוזאמען.

איך שפיר ביי מיר אז רוב פון מיינע מוצלח'דיגע נדבנים זענען מענטשן מיט וועמען איך האב אנגעקניפט גוטע באציאונגען. זיי גלייכן מיך פערזענליך און דערפאר געבן זיי שיינע סכומים פארן צוועק. איך ווייס נישט אויב ס'איז א מעלה אדער א חסרון... איך בין נאך פריש אין דעם פעלד, אבער אזוי שפיר איך יעצט די מציאות.

נאכדעם איז געווען ביים קאנפערענץ אזא סארט שיחות חברים פראגראם, וואו עטליכע גבאי צדקה האבן זיך צוזאמענגעזעצט ארום א טיש און זיך געפרעגט און פארענטפערט שאלות בעניני פאנדרעיזינג, ווי אזוי זיך צו באגיין אין געוויסע פעלער וכו'.

## עסט גאלד אנשטאט ברויט...

# עולם הפאנדרעיזינג



דארטביים טיש האט א גבאי צדקה ארויסגעברענגט דעם טעות וואס אסאך מאכן ווען זיי לעקן זיך צו אן עושר. מ'מאכט א מציאות פון אים, ווי כאילו ער איז נישט סתם א מענטש נאר עסט גאלד אנשטאט ברויט... ער האט ארויסגעברענגט אז חוץ פון דעם וואס ס'איז עקלדיג, דארף מען אויך וויסן אז דער עושר גלייכט ווען מ'פירט זיך צו אים ווי צו א פשוטער מענטש. "מאך נישט פון אים קיין גאנצע מורי מורינו, קום צו נארמאל, רעד נארמאל, דאס וועט נאך דאס בעסטע אויסנעמען. ער וויל אויך זיין א מענטש צווישן מענטשן."

דעם עושר זאלסטו באגריסן פונקט ווי דעם ארימאן און אפילו מ'גייט אמאל ארויף צו אן עושר אין שטוב פריוואט פאר געלט, דארף מען אויך דאס וויסן אז איך ווייס און דער עושר ווייסט פארוואס איך בין דא, אבער קודם שמועס סתם נארמאל על דא ועל הא. מאך אים שפירן ווי ער איז א פשוטער מענטש, מעורב בין הבריות, נישט עפעס אן הויך-קאליבער אויסגעשפיצטע מציאות.

רעד ווי א חבר, זיי געשמאק און אויפגעלייגט, וועסטו זען אז דו וועסט נאך דאס מערסטע נושא חן זיין.

## נישט זיין א נודניק

נאך א שאלה וואס איינער האט אויפגעברענגט איז געווען: וואס קען מען טון נישט צו זיין א נודניק? און אלע האבן געענטפערט "פארפאלן, א גבאי צדקה איז א נודניק, קענסט גארנישט טון וועגן דעם..." אבער איך האב יא גע'טענה'ט אז ניין, צו זיין א גבאי צדקה מוז מען נישט זיין קיין נודניק, והא ראיה אז די פילע גבאי צדקה ביי אונז אין קהילה אין היכל הקודש זענען נישט קיינע נודניקעס. אלע נעמען זייער געשמאק אויס ביים ציבור און זענען זייער באליבט.

ס'איז זיכער דא מהלכים פון קענען בעטן געלט פון מענטשן אן מאכן יענעם שפירן ווי איך בין א נודניק... ס'דא עשירים וואס וועלן שיקן חתונה בריוולעך צו געוויסע גבאי צדקה זיי איינצולאדענען צו די חתונה פון זייערע קינדער. אזוי נאנט שפירן זיי זיך! אזא גבאי צדקה איז נישט קיין נודניק!

דערנאך איז געווען לאנטש. ס'איז געווען צוגעשטעלט א ברייטע פיינע מאלצייט, און אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס, בין איך געגאנגען זוכן א פלעסטיק טעלער און איינגעפאקט פיינע גוטע עסן פאר מיין ווייב איר אהיימצוברענגען.

נאכדעם איז געווען מנחה.

נאכדעם איז געווען נאך א פאנעל פון סעילסלייט וואס האבן אויסגעשמועסט ווי אזוי צו שטייגן און זיך בויען אין די פאנדרעיזינג ליין, כסדר צו וואקסן און נישט בלייבן שטיין.

דערנאך איז געווען א דרשה פון א איד וואס האט געגעבן גוטע עצות אין פאנדרעיזינג, אויסגעלערנט די גבאי צדקה צו מאכן א ציל און עס נאכגיין, כסדר נאכקוקן ווי אזוי ס'גייט און וואס מ'קען פארבעסערן.

## אין די הענט פונעם אייבערשטן

צום שלוס איז געווען אן אינטערוויו פון דעם פריוואטן גבאי צדקה ביים סקווירא הויף, וואס האט שוין געשאפן צענדליגע מיליאנען דורך די יארן. ער האט זייער שיין ארויסגעברענגט אז נאך אלע עצות ליגן מיר אין די הענט פונעם אייבערשטן. אלעס מאכט דער אייבערשטער און אלעס פירט דער אייבערשטער, און ווער ס'קוקט וועט דאס זען אויף טריט און שריט אז א מענטש ווייסט גארנישט. דו מיינסט יענער גייט געבן און דער אייבערשטער פירט אנדערש, און דא מיינסטו אויף איינעם אז ער גייט נישט געבן און דער אייבערשטער מאכט אז ער געבט יא. אלעס איז סייעתא דשמיא.

מ'קען מאכן סיסטעמען מיט צילן, נעמען קורסעס און טון אלע גוטע זאכן, אבער פאר קיין איין מינוט זאלסטו זיך נישט איינרעדן אז "כוחי ועוצם ידי", ס'האט עפעס מיט מיר, איך בין



געלונגען. אלעס מאכט דער אייבערשטער, אלעס פירט דער אייבערשטער, און מיר טוען דעם רצון השם.

# די עיקר איז די ווייב און קינדער

צום שלוס האט ער געזאגט איין טיפ וואס ער וויל איבערגעבן פאר די גבאי צדקה: א גבאי צדקה מאכט זיך אסאך מאל אז מ'דארף גיין שאפן געלט אין די מרחקים און נישט יעדע נאכט קען מען זיין אינדערהיים, אבער איך פאר מיר האב זיך אפגעמאכט אז זאל זיין וואס זאל זיין, זאל איך כאטש דריי נעכט אין דער וואך עסן נאכטמאל מיט מיין ווייב און קינדער. און דאס איז וואס מיר הערן פון דעם ראש ישיבה כסדר, די וויכטיגקייט פון זיין אינדערהיים. ארבעטן איז ביז 5-6, נאכדעם באלאנגט מען אין שטוב, וואס דאס איז דער עיקר פונעם מענטש. די פיוטשער איז די ווייב און קינדער, און אין דעם דארף מען דאס מערסטע משקיע זיין.

**א גרויסן שכח אשר פאר די תוכן'דיגע שמועס. איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך האב מיך נישט גערעכטן פאר אזא אמונה'דיגע שמועס. איך האב געמיינט ס'וועט פארן אויף א דירעקשאן פון וואס מ'גייט אדורכשמועסן פאנדרעיזינג מהלכים און אריינגריבלען דערין. למעשה בין איך ארויס פונעם אינטערוויו מיט א שטערקערע אמונה ווי פאר דעם. איך האב געזען אז נישט קיין חילוק וועלכע ארבעט מ'האט, איז די הצלחה נאר אויב ס'איז צוגעבינדן צום אייבערשטן פון אנפאנג ביזן סוף.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אינעם נייעם ארבעט, און ווער ס'ליינט דעם אינטערוויו זאל באקומען חיזוק אויף אמונה אינעם אייבערשטן און אזוי אויך חיזוק אויף אמונת צדיקים, פרעגן א מורה דרך יעדע זאך פאר מ'טוט עפעס.**

# שנים מקרא ואחד תרגום




## חזק חזק ונתחזק

"חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!" אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען מִיט זָאגְן דִי וָואךְ שַׁבָּת בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה מִיטְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף סֵפֶר זֶעט מֶען וָואס מֶען הָאט אִין דִי הַאנְט, מֶען הָאט נָאךְ אַ סֵפֶר פוּן דִי חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה; וֶוען מֶען פְרֶעגְט: "חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ?" קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן: "חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ", אִיךְ הָאבּ חוּמָשׁ אִין דִי הַאנְט.

עצתו אמונה מטות מסעי תש"פ

## הצלחה פאר די וואך

אַ שָׁאד זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; קוּק וִוי מִיר הַאלְטְן שׁוֹין, מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל בַּיי: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען פָאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - מֶען נֶעמְט אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, בִּיז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן עֶנְדִיגְט מֶען אַ גַאנְצֶע סֵדֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר נֶעם אוֹיךְ אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהַרְא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, הָאט מֶען הַצְלָחָה".

עצתו אמונה ויחי תש"פ

## עס ברענגט יראת שמים

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם. לֵיידֶער לֵיידֶער קֶען מֶען אוֹיסְקוּקְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי וֵוייס אִיךְ וָואס, אָבֶּער מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנָּאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם בַּעַל עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֶען וִוי פְלַייסִיג זַיינֶע תַּלְמִידִים לֶערְנֶען אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנָּאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם: "זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!" הָאט דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען וִויל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם דַארְף מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר רֶעדְן צוּ אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט מֶען

זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְּנְט אַ חוּמָשׁ דִי וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָּארִיגֶע וָואךְ? אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

עצתו אמונה כי תבא לאומאן תש"פ

## לעבן מיט דער צייט

וואַרְט נִישְׁט אוֹיף פְרַייטָאג אָדֶער שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; הוֹיבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן מִיט דֶער צַייט"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוּן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם הִתְחַזְּקוּת אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן.

עצתו אמונה לך לך תש"פ

## מעביר סדרה זיין פון זונטאג

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג הֵייבְּסְטוּ אָן דִי פַּרְשָׁה אוּן דוּ לֶערְנְסְט בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג לֶערְנְסְטוּ בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִּימּוּד [ע' שנז]) מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואךְ נָאךְ וָואךְ אָן קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אָן קַיין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין - דַארְף מֶען טוּן אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה זָאגְט, דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

עצתו אמונה וארא תשפ"א

## די נייעס זאל זיין די חומש

זֵיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט דִי נֵייעֶס אוּן נִישְׁט הֶערְן קַיין נֵייעֶס; דִי אַלֶע וָואס הֶערְן נֵייעֶס זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס עֶס גֵייט זַיין וְכוּ', דִי וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין נֵייעֶס זֶענֶען רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן הֶערְן נֵייעֶס; פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה קֶען אִיךְ נָאר בֶּעטְן אָבֶּער פוּן דִיר קֶען אִיךְ עֶס פַארְלַאנְגֶען, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע חֵדֶר, וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט הָאבְּן רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי רֵיינֶע נְשָׁמוֹת רֵיינְקֵייט, זוֹיבֶּערְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט.

דַיין נֵייעֶס זָאל זַיין דִי חוּמָשׁ, דִי בְּלַאט גְמָרָא; דִי נֵייעֶס זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער; חַס וְשָׁלוֹם רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן פָּאלִיטִיק, חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה אוּן פַארְקֶערְט; אַ יְשׁוּעָה זֶעט מֶען וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס.

עצתו אמונה לך לך תשפ"א

## א סגולה צו געהיילט ווערן פון אלע מחלות

יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין אִיזָאלִירוּנְג, מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁפַּארְט צוּלִיבּ דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנָע, אַלֶע לֶענְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן אוּן אַלֶע זוּכְן עֵצוֹת וָואס מֶען קֶען טוּן צוּ גֶעפִינֶען אַ רְפוּאָה פַאר דִי מַחְלָה ה' יִשְׁמְרֵנוּ, דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען וָואס דֶער לִיוּבַּאווִיטְשֶׁער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן הָאט גֶעזָאגְט (י"א נִיסָן, תשמ"ב) אַז דִי רְפוּאָה פַאר אַ נֵייעֶ מַחְלָה וָואס מֶען וֵוייסְט נָאךְ נִישְׁט אַ רְפוּאָה דֶערְצוּ אִיז צוּ נוּצְן דִי סְגוּלָה פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ; זוּנְטָאג זָאל מֶען לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאֲמַר וִוי מֶען הֶערְט וִוי דֶער לִיוּבַּאווִיטְשֶׁער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער רֶבִּי - דֶער רַיי"ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע מַחְלוֹת, צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אַייךְ.

עצתו אמונה טהרה שנת תש"פ



# די קינדערלאך שפּייגן און בליען בתורה ווייר"ש!



אה די חן פון די זיסע ארץ ישראל'דיגע קינדערלאך וואס לערנען תורה בטהרה וואס אויף דעם שטייט די וועלט!
אשריכם פאר די חשובע נדיבים וואס רופן זיך אן ווארעם צום רוף פון די לעכטיגע תינוקות של בית רבן וואס ווילן לערנען די הייליגע תורה אין דעם הייליגן רבין'ס מוסד וואו זיי וועלן מיטן אייבערשטנ'ס הילף קענען אויסשטייגן צו זיין ערליכע אידן.
און אלע דורות ווער ס'האט באר געדארפט סיי וואס פאר א ישועה האט מען זיך אלס געוואנדן צו רבי מאיר'ס קאסע שטיצן די תורה בטהרה אין ארץ ישראל רופט היינט און זעהט אייער ישועה.

כדאי הוא רבי מאיר לסמוך עליו

**ווייל ישועות פועל'ט מען ביי רבי מאיר.**

די ישועות קוואל איז אפן:

**רופט דער גבאי**
**347 466 2410**

ישועות ביי רבי מאיר

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

*sruliHeskel

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



וואכנאכט ביי מו"ה אהרן לונגער הי"ו אין שטעטל - ג' ויגש

קרעדיט: אייזיק ראטה



די קינדער פונעם תלמוד תורה אין קרית יואל ביים גיין מתפלל זיין ביים ציון פונעם ריבניצער רבי אין מאנסי - ב' ויגש

קרעדיט: אייזיק ראטה





החתונה פון החתן אליעזר דייטש הי"ו עב"ג בת מו"ה חיים דוד ראזענבערג הי"ו אין קרית יואל - ב' ויגש

קרעדיט: ישראל דוד העסקעל

















**דער ראש ישיבה שליט"א בײם פארטײלן דעם ספר ותהיין את הילדים חלק ב' פאר די נדבנים פונעם ספר נאכן ליל שישי שיעור אין שטעטל - ה' מקץ**

קרעדיט: אײזיק און לײבי ראטה



**די לעכטיגע קינדער ביים זיך שפילן מיט די שניי נאכן לערנען פלייסיג אינעם כולל בוקר - ד' ויגש**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**שיעור אין הלכות שבת פאר די אינגעלייט וואס ארבעטן אין די פייער דעפארטמענט - ד' ויגש**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן



**א אינגל לערנט שיעורים כסדרן אין ביהמ"ד ירושלים אין שטעטל - ד' ויגש**

קרעדיט: ישראל דוד העסקעל



**דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין חדר אין שטעטל - ה' ויגש**

קרעדיט: יוסי זינגער



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים קויפן די גליונות נאכן ליל שישי שיעור אין ישיבה - ה' ויגש**

קרעדיט: שמוליק בלעדי



**קביעת מזוזה ביים נייעם בעביסיטינג בנין נעבן די סקול אין שטעטל - ה' ויגש**

קרעדיט: יוסי זינגער




**קינדער לערנען פלייסיג ביינאכט אין ישיבה - ד׳ ויגש**

קרעדיט: שלמה האממער




**דער ראש ישיבה שליט״א אין א שמועס מיט די עסקנים פונעם בית התבשיל - ה׳ ויגש**

קרעדיט: יוסי פרערויא




**דער ראש ישיבה שליט״א ביים פארטיילן דעם ספר ותחיין את הילדים חלק ב׳ פאר די נדבנים פונעם ספר נאכן ליל שישי שיעור אין ישיבה - ה׳ ויגש**

קרעדיט: יוסי פרערויא




**דער ראש ישיבה שליט"א ביים אפגעבן מזל טוב פאר מו"ה נחמן ניישטיין הי"ו צום געבורט פון אן אייניקל - ה' ויגש**

קרעדיט: שמוליק בלעדי



**דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט אנשי שלומינו אין שטעטל - מוצש"ק ויגש**

קרעדיט: אייזיק ראטה









**אבות ובנים אין ביהמ"ד אין שטעטל - מוצש"ק ויגש**

קרעדיט: אייזיק ראטה











**דער ראש ישיבה שליט"א לאזט זיך ארויס אויף א נסיעה קיין ארץ ישראל צו מחזק זיין די מוסדות - א' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש, שימי פיש





**די געטרייע הנהלת המוסדות ביים מקבל פנים זיין דער ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל - ב' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש





**אנשי שלומינו זענען מקבל פנים דער ראש ישיבה שליט"א ביים אנקומען צום יארצייט סעודה אין בני ברק - ב' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש











**גרויסארטיגע יארצייט סעודה פון רבי נתן זיע"א אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א אין בני ברק - ב' ויחי**

קרעדיט: יענקי פיש



בס"ד

פרשת ויחי
אויסגאבע # 3

# אינגערהיים

**חזק חזק ונתחזק**
פ. גליק

**באשעפער שיקט מיר אן איידל**
ש. ל. פליישמאן

**די זון איז ארויסגעקומען**
הער א מעשה

## ווי א ראד וואס דרייט זיך

ש. טראכטער

# אינהאלט



9



16

**בס"ד**
פרשת ויחי
תשפ"ו
**נומער 3**

**רעדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק

**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**bletelmagazine@gmail.com**

קול ברסלב:

**212.444.9191**

אידיש שטוב:

**212.444.9169**


אן אוועגט וואס איר ווילט נישט פארפאסן:
לעידיס אקזילערי
היכל הקודש ברסלב
ווארעמקייט
domino grp.com
Liberty:
Monday
Jan 12
מאנטאג וארא
Williamsburg:
Tuesday
Jan 6
דינסטאג שמות
Monroe:
Monday
Jan 5
מאנטאג שמות
Boro Park:
Tuesday
Jan 6
דינסטאג שמות
Monsey:
Monday
Jan 5
מאנטאג שמות
Lakewood:
Monday
Jan 5
מאנטאג שמות
Jersey City:
Tuesday
Jan 6
דינסטאג שמות
Linden:
Wednesday
Jan 7
מיטוואך שמות
לאמיר זיך אנווארעמען
פאר אונזער מוסדות אונזער ווארעמקייט
CLASS PICTURES \\ EXCITING \\ RAFFLES \\ LIGHT REFRESHMENTS \\ DOOR PRIZES \\ BEAUTIFUL GIFT

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Breslevbletel@gmail.com

## פ. קאהן
קרית ברסלב

די לעצטע לעכטל חנוכה האט מיר אויסגעזען עפעס אזא מינע זונטיג'דיגע פארוואלקנטע אומגעלונגענע טאג.

איך בין געזעצן אזוי מיט מיין מיידל אין די הענט וואס פילט נישט גוט, איך טרעף זיך נאכדעם אז די גאנצע טאג איז שוין דורך, מ'צינד שוין. אבער איך האב געשפירט אז כ'בין נישט גערעכט, מיין מאן דארף עפעס א געהעריגע זאך צו עסן, פאר די קינדער האב איך געגעבן אזא מילכיגע פרישטיג סאפער, אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען געבן עפעס א נארמאלע זאך פאר מיין מאן.

איך עפן די פרידזשידער און איך טרעף א שיינע אנגעגרייטע פארציע פלייש, וואס איך דארף נאר אביסל צוענדיגן קאכן, כ'האב פשוט פארגעסן אז פאר שבת האב איך עס ספעציעל אנגעגרייט אויף זונטאג. שכח אייבערשטער ס'איז ארויסגעקומען גוט, און אויך האט עס שיין געצייגט לכבוד חנוכה.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א שיינע זאך פאר ביליג.

דערווייל בין איך געגאנגען מיט מיין דזשעקעט, און ס'איז מיר אמת'דיג געווען קאלט. איין טאג רעד איך צו מיין מאמע וועגן דעם, די קומענדיגע טאג בין איך אריבער צו איר הויז באזוכן, און זי געבט מיר גאנץ א גרויסע סכום געלט, גענוג צו קענען קויפן אמת'דיג א גוטע שיינע מאנטל, און זי זאגט מיר: גיי קויף דיר עפעס גוט און ווארעם. איך האב געזאגט שכח אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אויס, אז אויב די עלטערן געבן נעמט מען און מ'זאגט שכח.

איך בין געגאנגען אין די געשעפטן זיך אומקוקן. ביז איך האב געטראפן פונקט די גוטע זאך פאר בערך א דריטל פרייז ווי געווענליך. איך גיי עס באצאלן זאגט זי מיר איך קען אויך באקומען פאר דעם א דזשעקעט פאר אומזיסט.

איך האב עס נישט געדארפט, האב איך געקלונגען מיין מאמע פרעגן אויב זי וויל עס, זי זאגט מיר וועלכע זי וויל, און ב"ה איך האב עס געטראגן צו מיין מאמע. שכח אייבערשטער האסט מיר אזוי שיין געהאלפן מיט וואס איך דארף.

## א פרוי פון
ארץ ישראל

ב"ה ס'ווערט שוין קעלטער און קעלטער, און איך דארף האב א נייע מאנטל, דאס וואס איך האב פון לעצטע יאר איז שוין מער גרעי ווי שווארץ, איך האב עס נאך פון אלס מיידל.

## ח. פעלבערבוים
קרית ברסלב

איך האב אראפגעלייגט מיין רינגל אויפן קאונטער זיך צו קענען וואשן. איינער האט בטעות עס געגעבן א שטופ אראפ, איך האב עס נישט געקענט טרעפן, איך האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן עס צו קענען טרעפן, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

## ח.ל.פ
יבנאל עיר ברסלב

1. איך האב אסאך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ביי די ליכט עס זאל זיין א שיינע חנוכה, מ'זאל מער נישט הערן קיין אומגליקן ביי אידישע קינדער. מענטשן זענען אסאך אויף די וועגן חנוכה, מ'זאל פארן און קומען געזונטערהייט. ב"ה די הייליגע יום טוב איז דורך אזוי שיין, אזוי פרייליך.

2. איך קום ארויס אינדרויסן צופרי, איך האב געוואלט האבן אזא פיינע ווארעמע זון צו אנווארעמען דיביינער און האבן א געשמאקע דאווענען.

צו מיין אנטוישונג טרעף איך א פארוואלקנטע הימל און א קילע וועטער, איך האב געטראכט צו זיך פארן אייבערשטן איז גארנישט שווער צו טוישן, ער ווארט נאר מ'זאל רעדן צו אים.

איך האב געבעטן "אייבערשטער שיק ארויס די זון פאר איין שעה, פאר מיר צו דערווארעמען". נאך בערך 10 - 5 מינוט זע איך ווי די וואלקענעס וואס האבן דערציילט אז ס'קומט א רעגן האבן זיך שיין אוועקגערוקט און געלאזט די שיינע זון שיינען ביז איך ענדיג מיין דאווענען.

שכח אייבערשטער וואס דערווארעמט אונזערע הערצער ווען מיר פילן אז אונזערע תפילות ווערן אויסגעהערט.

איך קום נישט אן. איך פרוביר צו רופן אן אנדערע מאל און זיי הייבן נישט אויף. איך האב מיך שוין באקוועם געמאכט מיט אן אנדערע פאון וואס מיר האבן געהאט אינדערהיים.

ביז ס'האט אויך אנגעהויבן מאכן קונצן און שוין אינגאנצן אויפגעהערט ארבעטן. האב איך מיך נאכאמאל דערמאנט פון מיין פאון, איך האב מיך געוואונדערט ווי ס'איז. איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עפעס הערן פון די סטאר, און זיי זאלן עס בכלל קענען פאררעכטן און שוין צוריקשיקן.

איך האב זיי אפאר מאל פרובירט צו רופן ביז איך האב זיי ב"ה געכאפט. זיי האבן געזאגט אז זיי קענען עס נישט טרעפן און זיי גייען צוריק רופן מיט אפדעיטס. איך ווארט נאך אפאר טעג און איך הער גארנישט צוריק. אזוי אפאר מאל רופן און איבערדערציילן די מעשה פאר יעדעם איז גארנישט געווארן.

אזוי איז אריבער מער פון צוויי חדשים. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן פאר די פאון אדער פאר א נייע פאון. ביז איינמאל פארן זיי רופן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די מאל זאל עס ווערן מסודר. ב"ה זיי הייבן אויף, איך דערצייל זיי די מעשה און זיי זאגן מיך אז זיי שיקן א נייע פאון! און אפילו צעגעלייגט א האלטער פאר פרי! שכח אייבערשטער!

אן אינטערעסאנטע זאך איז, אז נאך צוויי וואכן קומט אן און די פאסט מיין אלטע פאון און ס'איז פאררעכטן! שכח אייבערשטער איך האב צוריק באקומען מיין פאון און באקומען א נייע!!

## ר. עקשטיין
קרית ברסלב

איך האב אריינגעשיקט מיין פאון צו פאררעכטן ביי א סטאר וואס פארקויפט די סארט פאונס.

ס'איז אריבער א שטיק צייט און איך האב גארנישט געהערט פון זיי. די סטאר איז אין אן אנדערע שטאט ווי

## ח.ש. פעלבערבוים
ניו יארק

ב"ה איך האב געקענט חתונה מאכן מיין עלטסטע טאכטער, איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן זי זאל ווערן א כלה ביים ערשטן געלעגנהייט, און אזוי אויך אז די הכנות לחתונה זאל אלעס פארן געשמירט. שכח אייבערשטער פאר די געוואלדיגע חסדים וואס דו האסט געטון מיט מיר.

ש. טראכטער



# ווי א רעדל וואס דרייט זיך

חיים דער גביר קומט אריין מעשה עושר אין די ארימע גאסטהויז פון די שטעטעלע "אקאריטא", א קליין דערפל אין אייראפע.

דער אייגנטומער ר' שמערל פריידט זיך אז א קונה איז דא, און נעמט אים אויף זייער שיין. "איך גרייט אייך צו א ווארימע טיי אין אזא קאלטע וועטער."

חיים שטויסט אפ די ביסל שניי פון זיינע שטיוול און שאקלט אפ זיין קוטשמע פון די שניי ברעקלעך. ער רייבט צוזאם זיינע הענט אין א פרואוו זיך אנצואווארימען. "וויפיל קאסט א נאכט ביי אייך אין האטעל?" פרעגט ער.

"הונדערט דאלער." ענטפערט שמערל מיט א בעטנדיגע שמייכל. ער איז שטארק אנגעוויזן אויף די הונדערט דאלער. ער דארף עס נישט פאר זיך. ער דארף דאס פשוט צו באצאלן זיין חוב אין שפייז קראם.

חיים נעמט ארויס דאס בערזל, מעשה גביר און שלעפט ארויס א "קריספי" פרישע הונדערטער.

שמערל באדאנקט זיך און ווייזט צו פאר חיים וואו דער צימער איז.

ווי נאר חיים איז מסודר, לויפט שמערל ארויס פון האטעל. ער איז אן ערליכער איד, ער וויל אזוי שטארק נישט האבן א חוב. ער האט אצינד באקומען $100 און ער וויל גלייך אפצאלן א חוב דערמיט.

ער וויקלט זיך איין אין זיין דינע מאנטל און שפאנט שנעל די קורצע וועג צו איציק, דער אייגנטומער פון דעם שפייז געשעפט.

איציק דערפריידט זיך צום געלט און זאגט אים מיט א שמייכל, "א מעשה פון תפילה! איך דארף היינט אפצאלן דעם האלץ סוחר, איך בין אים שולדיג פונקט די סכום. יישר כח."

איציק יאגט זיך צום האלץ סוחר און צאלט אים אפ זיין חוב.

דער האלץ סוחר באקומט די געלט און לויפט גלייך צום מלמד פון זיין זון. ער איז שוין שולדיג שכר לימוד פאר א ווייל און עס דרוקט אים אזוי שטארק. לעצטנס זעט ער אז זיין נחום קען נישט אזוי גוט די גמרא. אפשר איז דאס ווייל ער האט פארנאכלעסיגט צו צאלן דעם מלמד?

דער מלמד ר' חייקל באדאנקט זיך פאר דעם האלץ סוחר און נעמט תיכף די $100 צו באצאלן פאר דעם מקוה איד. ער האט שוין א חוב דארט אפאר וואכן.

דער מקוה איד באדאנקט זיך פאר די געלט און דערמאנט זיך אז ער איז שולדיג $100 פאר ר' שמערל די אייגנטומער פון די גאסט הויז. ער האט אמאל געבארגט פון אים $100.

ער טוט זיך אן זיין קוטשמע און מאנטל און לאזט זיך שנעל ארויס צו ר' שמערל.

"א גוטן שמערל. דו געדענקסט אז איך האב געבארגט פון דיר א הונדערטער א שטיק צייט צוריק. זיי מיר מוחל, איך האב נישט געהאט קיין פרוטה ביז היינט. יעצט האב איך באקומען באצאלט פון איינעם, האב איך זיך געיאגט עס אפצוצאלן פאר דיר."

שמערל נעמט איבער די געלט און נאך איידער ער קען דאס אריינלייגן אין טאש, קומט חיים דער גביר אראפ און אנטשולדיגט זיך זייער. "זיי מיר מוחל, עס האט זיך געמאכט א סיבה און איך דארף פארן צו א דרינגענדיגע שטעטל פאר די נאכט. איך פיל שלעכט, אבער איך וויל וויסן אויב איך קען צוריקבאקומען מיין געלט?"

שמערל געבט אים גלייך איבער די $100 און די געשעפט איז געשלאסן.

די איין הונדערטער האט געטוישט אזויפיל הענט, אפגעצאלט א געוואלד מיט חובות און איז צום סוף אנגעקומען צוריק צום ערשטן בעל הבית!

ווען איך האב געהערט די מעשה, האב איך געטראכט, "עס איז א גוטע מעשה. איך דארף עס שרייבן אין בלעטל, איך דארף אבער א שיינע מוסר השכל."

אבער דער אמת איז אז די מעשה אליינס איז די מוסר השכל. דאס איז ממש וואס דער הייליגער רבי זאגט אונז אז געלט איז פשוט א דמיון!

א מענטש זארגט און טראגט דאגות א גאנץ לעבן. מיר פארגעסן אבער אז אויך נעכטן און פאריגע וואך האבן מיר געזארגט און דער 'הזן את העולם' האט אונז געהאלפן אויף וואונדערליכע אופנים. צומאל ווייסט דער מענטש אליינס נישט וויאזוי זאכן האבן זיך מסדר געווען, אבער דער אייבערשטער העלפט יעדן איינעם בפרטיות.

דער ראש ישיבה דערמאנט אונז כסדר צו לעבן העכער פון געלט. מיט די שיעורים איז מען זוכה אויסצושווענקן די מח צו טראכטן און געדענקען אז געלט איז נאר א מיטל נישט א ציל!

מען דארף האבן געלט כדי צו קענען לעבן, צו דינען דעם אייבערשטן, אבער מען דארף נישט האבן געלט, צו האבן געלט!

דער הייליגער רבי האט אונז שוין מגלה געווען אז ווען משיח וועט קומען וועט גיין פון געלט אזא שרעקליכע גערודער, אז אלע עשירים וועלן זוכן אין וועלכע לאך זיך צו באהאלטן אז מען זאל נישט באמערקן אז די גערודער גייט פון זיי! דעמאלטס וועלן אלע חברים און 'באדיס' אפציען פון די עשירים. די אלע וואס האבן זיך גע'חנפ'עט און געזוכט צו זיין 'אין גוטן מיט די חברה' וועלן זיך נישט וויסן וואו אהינצוטון פון בושה.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז צווישן אים און משיח איז נישט דא קיין חילוק. משיח וועט רעדן דעם רבי'ן'ס דיבורים. די חילוק איז נאר אז יעצט איז דא א בחירה און ווען משיח וועט קומען וועט זיין ביטול הבחירה און יעדער וועט אננעמען די רייד פון משיח.

דעריבער זעט מען שוין ביי פיל אנשי שלומינו אז עס איז שוין פארהאן א שטיקל פאראיבל צו די נושא פון געלט. אזוויי דער בעל תפילה האט געזאגט, "פון געלט זאלט איר נישט רעדן!"

און מען זעט עס בחוש. א שמועס צווישן אנשי שלומינו איז אזוי אנדערש ווי מען זעט אין די אלגעמיינע וועלט. עס קען אריבערגיין א שמועס פון איבער א שעה צייט אן צו דערמאנען דיווארט געלט.

דער ראש ישיבה האט אמאל נאכגעזאגט דאס וואס דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט אין א בריוו: וואס האט פאסירט ווען מען האט גע'שחט'ן דעם יצר הרע פון עבודה זרה? דער יצר הרע איז דאך א מלאך. מען קען עס נישט מאכן אויס. וואו איז ער געגאנגען? ער איז אריין אין געלט וואס דאס איז קרוב לעבודה זרה בעוונותינו הרבים!

מענטשן האבן אנגעהויבן דינען געלט. איינער וואס האט אפאר דאלער איז שוין אויך א קלוגער, א תלמיד חכם, און וואס נישט?

איר קענט די פאלקס מעשה'לע? געציל איז געווען א פשוט'ע ארבעטער. ער האט געבויעט פאר זיינע חברים קלייניגקייטן. דא האט ער אויפגעבויעט א שטאל און דארט א קלאזעט.

איין טאג בשעת ער שטעלט צוזאם עפעס מיט האלץ אין וואלד האט ער זיך אנגעטראפן אין א ריזן אוצר, מיט מטבעות פון הונדערטער יארן צוריק. איבערנאכט איז ער געווארן אן עושר אדיר.

איבערנאכט האט ער באקומען צענדליגער געטרייע, געשוואוירענע חברים. געציל איז פאר'שיכור'ט געווארן פון די דאפלטע גליק, סיי געלט און סיי כבוד.

פלוצלינג זענען זיך אלע געקומען שאול עצה זיין מיט אים. פלוצלינג האט יעדער געוואלט הערן זיין דעה. פלוצלינג איז ער געווארן פון די נתיבי הקהל, מחשיבי הקהילה. פלוצלינג האט יעדער געוואלט זיין טאכטער וואס באמת איז זי געווען א נארישע און זי האט אפילו געליטן אויף א געוויסע כראנישע מחלה.

אזוי איז אנגעגאנגען א שטיק צייט, ביז די רעגירונג האט זיך דערוואוסט פון דעם געפינס. זיי האבן באשלאסן צו לייגן

א האנט דערויף און געקומען אונטער'ן נאמען פון געזעץ זאגן אז די אוצר באלאנגט פאר די שטאט.

די חלום האט זיך געענדיגט. געציל האט פארלוירן זיין געלט. איבערנאכט איז ער צוריק געווארן דער שטילער, וואוילער געציל.

אבער לײדער איבערנאכט האט ער פארלוירן זיין שכל, זיינע חברים, זיינע אנגעטראגענע שידוכים. אלעס!

געציל האט געארבעט שווער צו ערנערן זיין משפחה. עס איז אריבער א תקופה און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן. ער איז געווארן א שטיקל בעל פרנסה און צוביסלעך האט ער אפגעקויפט אפאר שטחים און איז געווארן אפילו א שטיקל גביר.

אין א טאג קלאפט אריין דער שכן. ער וויל זיך עפעס איבערשמועסן מיט געציל, הערן זיין מיינונג. "ביסט דאך א קלוגער מאן." ווארפט ער אריין אביסל חנופה. אפשר וועלן די ווערטער ארויסקוועטשן אפאר רובל פון געציל.

געציל בעט אים צו ווארטן א מינוט. א מינוט דערויף קומט ער צוריק מיט זיין בערזל. ער עפנט עס און זאגט פאר זיין שכן, "פרעג און ער וועט דיר ענטפערן."

דער שכן שטייט דארט פארלוירן. וואס איז פשט?

געציל ענטפערט אים זייער פשוט. "דו מיינסט נישט מיר. דו מיינסט מיין בערזל. איך בין שוין דיין שכן יארן לאנג. ביסט דאך קיינמאל נישט געקומען הערן מיין מיינונג. ווען איך האב געטראפן דעם אוצר ביסטו געקומען טאג טעגליך. ווען איך האב פארלוירן דעם אוצר האסטו מיר מער נישט געקענט, און אצינד ווילסטו ווייטער מיין מיינונג? דו ווילסט נישט מיין מיינונג. דו ווילסט מיין געלט!"

א ביטער געלעכטער אבער א שטארקע אמת. דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט צומאל אז ווען ער גייט אין גאס מיט א בחור און איינער שטעלט אים אפ, "היתכן, אזא בחור נעמסטו אריין ביי דיר אין ישיבה?"

זאגט דער ראש ישיבה פאר יענעם שטיל אין אויער, "ער האט א---ס---א---ך געלט! ער האלט אויס די ישיבה!"

אה די בילד טוישט זיך. יענער פארנויגט זיך שיין און באגריסט אים מיט די פאראיבלטע געלט שמייכל. "וויאזוי הייסטו? ווען'ס ביסטו? אה, איך האב געקענט דיין זיידן. א וואוילער איד געווען. מען זעט די יראת שמים אויף דיין פנים!"

אהא... געלט= תורה, געלט=חכמה, געלט=יראת שמים. דער עיקר אז ער האט אפאר דאלער!

אבער אז מיר זענען אנגעקומען צום רבינ'ס חדר דארפן מיר זיך מחזק זיין, "דער עיקר איז אז איך כאפ ארויס אביסל מצוות און מעשים טובים." דער רבי' דערמאנט אונז אז באלד גייען מיר שוין צום אייביגן ארט און דארט נעמט מען ג-א-ר-נ-י-ש-ט מיט! דארט מאכט נישט קיין שום חילוק וויפיל געלט מען האט געהאט, אדער געוואלט האבן. דארט נעמט מען נאר מיט תורה, תפילה און מעשים טובים.

מען דערציילט אויף א גרויסער עושר אז ער האט געלאזט צוויי צוואות. אינעם ערשטן בריוו האט ער געשריבן, "איך וויל מען זאל מיר באערדיגן מיט מיינע זאקן. און איך האב געשריבן א צווייטע בריוו וואס דאס קען מען נאר עפענען נאך מיין לווי'."

## דו מיינסט נישט מיר. דו מיינסט מיין בערזל. איך בין שוין דיין שכן יארן לאנג. ביסט דאך קיינמאל נישט געקומען הערן מיין מיינונג.

די קינדער האבן געזען די ערשטע בריוו און האבן נישט געוואוסט וואס צו טון דערמיט. די הלכה זאגט אז מען טאר נישט באערדיגן א נפטר מיט קיין שום זאך און דא האט דער טאטע געלאזט אזא אינטערעסאנטע צוואה.

מען איז געלאפן צום רב און געפרעגט וואס צו טון. דער רב האט אבער געזאגט אז עס איז אוממעגליך. די הלכה ערלויבט דאס נישט צו טון.

בלית ברירה האט מען באערדיגט דעם טאטן אן אויספאלגן זיין צוואה. נאך די לוויה האט מען געעפנט דעם צווייטן בריוו און מען האט געטראפן שטיין אזוי: "איך ווייס אז איר האט מיר באערדיגט אן די זאקן, אזויווי די הלכה. וויסן זאלט איר טייערע קינדער אז איך האב דאס געטון מיט די כוונה אייך צו דערמאנען און אויפוועקן אז אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות אלא תורה ומעשים טובים בלבד! געלט און גאלד באגלייטן נישט די מענטש, אפילו די זאקן קען מען נישט מיטנעמען! נאר תורה ומעשים טובים."

...

אין א שיעור מיט די בחורים האט דער ראש ישיבה אזוי פייערדיג גערעדט איבער די לאטערי געווינס אין אמעריקע. דער ראש ישיבה האט אויפגעקלערט די בחורים אז צופיל געלט איז א קללה. ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט, "גיי אפילו נישט נאכקוקן אויב דו האסט געוואונען!"

דער ראש ישיבה שליט"א האט געעפנט די קאפ פון די בחורים (און ערוואקסענע) "וואס איז געלט?! א דמיון!"

דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט די בחורים, "פארוואס ווילסטו געוואונען?"

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט, "ווייל דאס האסטו געהערט פון וויגעלע. געלט, געלט, געלט!"

לאמיר מאכן תפילה אז מיר זאלן זוכה זיין אריינצובאקן אין אונזערע קינדער פון וויגעלע, "אייבערשטער, אייבערשטער, אייבערשטער!"

# חלק חלק ונתחלק

פ. גליק



האסט שוין אמאל געקויפט אן עלעקטראניק, א כלי, א מאשין? ס'דא די וואס זענען זייער טעק-סעווי, זייערע פינגערס כאפן שנעל אויף די ענין, און אין בלויז אפאר מינוט איז די זאך צאמגעשטעלט - זאל זיין א וואש מאשין, דישוואשער... זאל זיין א גרויסע שטיקל פורניטשער, א שאפע, אדער א באנק-בעט, אדער זאל עס אפילו זיין א קליין טעקנאלאדזשיקל דיוויס, וועט יענער מיט אפאר קוועטשן אויפן סקרין האבן אנגעשטעלט די כלי צו ארבעטן מיט'ן צייט, מיט'ן טאג, און אויף די פונקטליכע באניץ אויף וואס מען וויל עס נוצן.

נאכדעם זענען דא די וואס אפילו די פשוט'סטע איינס מיט איינס, קענען זיי נישט צאמשטעלן.

ווען מ'קויפט אין Ikea סיי וועלכע פורניטשור, א טיש, א בענקל, א סאפע, א שאפע, קומט עס מיט אנווייזונגען. געווענליך האבן די אנווייזונגען בילדער וואס ווייזט: ערשט טוט מען דאס, נאכדעם טוט מען דאס, און דאן טוט מען אזוי צו אפענדיגן די זאך. אסאך מאל שטייט אפילו נישט ארויסגעשריבן ווערטער, אבער עס איז דא פונקטליכע בילדער צו נאכטון, און אזוי קען אפילו דער גרעסטער נאר, צוזאמשטעלן א קאמפליצירטע שטיקל פורניטשער פאר זיין הויז.

אנדערש אבער איז ביי קינדער, זאגט די וועלט. קינדער קומען אן אינסטרוקציעס.

לאמיר אריינקוקן אביסל טיפער וויאזוי מ'קען זיי אויפבויען, אויב איז עס אזוי, איז דאך פארשטענדליך אז מ'וועט צעברעכן און צוקלאפן קינדער במשך די יארן וואס מ'פרובירט זיי אויפצובויען און אוועקשטעלן אלס געזונטע און ערליכע אידן. שטימט דאך נישט די חשבון וואס די וועלט זאגט, ווי אזוי וואקסן זיי אויף געלונגען און געזונט?

ויחי יעקב - יעקב טרעפט זיך אין זיינע לעצטע יארן ארומגענומען מיט

א משפחה לשם ולתפארת. ער שפירט אז זיין צייט קומט שוין. ער רופט אריין זיינע קינדער, און בענטשט זיי אלע מיט באזונדערע ברכות.

ער וואלט דאך אלע געקענט אנוואונטשן זיי זאלן מצליח זיין מיט תורה ויראת שמים, חינוך הבנים, פרנסה און נאך. אבער ניין, יעקב קוקט אויף די מהות פון יעדעס קינד באזונדער, און אזוי בענטשט ער זיי לויט זייערע כשרונות, יכולות און תפקוד, וואס ער האט געקענט משיג זיין. וויאזוי קען עס זיין? וויאזוי האט ער געקענט דאס באווייזן?

א צדיק, ער איז דער וואס מאכט די אינסטרוקציעס וואס שטעלט צוזאם די פראדוקט, דעריבער ווייסט ער וויאזוי מ'דארף יעדע שטיקל שטעלן אז ס'זאל ארויסקומען א שטארקע זאך וואס זאל נישט איינפאלן נאך די ערשטע מאל ניצן אדער זיך צוברעכן אונטער א שווערע וואג. די צדיקים, זיי זענען די וואס שרייבן די אנווייזונגען אויף חינוך. און אז מיר גייען נאך די אנווייזונגען וואס זיי האבן אהערגעשטעלט, מיר ליינען עס גרינטליך דורך, מיר קוקן דעריין איידער מיר שרייען, שלאגן, אדער צוברעכן א קינד פשוט פון פארלוירנקייט און פון נישט וויסן וויאזוי אנדערש אויפצובויען אדער זיך אומגיין מיטן קינד, האבן מיר א קלארן מהלך וואס צו טון מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

מוהרא"ש זאגט אונז אז די נייעס ביי אונז זאל זיין, ארייננקוקן אין די וועכנטליכע פרשה, פון דארט נעמען מיר די נייעס. אז א מאמע לאזט אפ די דרויסנדיגע נייעס, זי זוכט נישט ארומצולויפן און נאכלויפן יעדע נייע משוגעת וואס איז יעצט געווארן די זאך וואס מ'מוזט טון, קען זי זיך שיין דערהאלטן אינדערהיים. זי דארף נאר קוקן אין די תורה, ווי די צדיקים טייטשן פאר אונזער דור די פרשה, זיי לערנען אונז א וועג אויף למעשה וויאזוי צו מחנך און מגדל זיין קינדער.

דער ראש ישיבה געבט וועכנטליך א שיעור פאר די מחנכים און מחנכות, און ווען ס'גייט ארויף אויף די ליין הייבט זיך עס אן מיט א קורצע ניגון: "אוי יו יו מלמדים אוי יו יו מחנכים, וואויל איז ענקער חלק בזה ובבה". נאך די צוויי שירות איז דער מחנך שוין אזויפיל שטערקער מיט זיין ארבעט, ס'בלאזט אריין א חשיבות אין דאס וואס מ'טוט סיי ווי, און מ'דערמאנט זיך אז ס'איז חשוב די חינוך וואס מ'געבט, ס'איז טייער ביים אייבערשטן די ארבעט פון זיך איינהאלטן נאכאמאל פון שרייען, פארשעמען, אדער פליקן א קינד.

ווען א מאמע דערמאנט זיך דאס, פאר וועם ארבעט איך? פארוואס טו איך דאס? און וואס וויל איך ביים סוף זאל ארויסוואקסן פון דאס קינד? איז פיל קלארער די וועג זיך אומצוגיין.

ווען זי הערט צו צום ניגון "אידישע מאמע אין הימל ביסטו טייער, די ארבעט לוינט זיך זייער, בעט דעם באשעפער, טאטע מאך מיר גרינגער"... איז שוין דא א שיינע קלארע וועג.

און פאר די אלע וואס זאגן אז קינדער קומען נישט מיט קיין אינסטרוקציעס, אדרבה, עפן א קונטרס חינוך הילדים, הער א שיעור וואס דער ראש ישיבה געבט אין די ענין פון חינוך, וועסט זיך אליינס איבערצייגן אז דו האסט געמאכט א טעות אין לעבן!

קינדער קומען מיט אינסטרוקציעס, אבער אין די אינסטרוקציעס שטייט אנדערש וואס דו זעסט ביי אנדערע פראדוקטן, ביי אנדערע זאכן וואס מען פרובירט צאמצושטעלן, אדער אויספיגערן וויאזוי עס צו מאכן קלאפן. אין די אינסטרוקציעס פון קינדער שטייט אין זאך.

**אידישע מאמע אין הימל ביסטו טייער, די ארבעט לוינט זיך זייער.**

"אז דו האסט א פראבלעם מיט דעם קינד, רוף אן די קאמפאני און בעט זיי פאר הילף אין דעם מצב".

א קינד פאלגט נישט, א קינד קומט זיך נישט אויס מיטן מלמד אדער אנדערע קינדער, א קינד דערלערנט זיך נישט זיך אויסצוקומען מיט געשוויסטער, א קינד שלאפט אריין, א קינד מאכט איין, א קינד בלאזט, און אזוי ווייטער... דאס אלעס האט די זעלבע אנווייזונגען, דערמאנט אונז דער ראש ישיבה ביי די חינוך שיעורים.

עפנט אויף די אנווייזונגען און דערמאנט זיך וואס שטייט דארט. אז דו האסט א פראבלעם מיט דעם זאך, רוף אן די קאמפאני, רוף דער וואס האט דאס אהערגעשטעלט, שריי צום אייבערשטן וואס האט באשאפן דיך מיט דיין נאטורן, און דאס קינד מיט זיין נאטורן. און דאס וועט פארערכטן די פראבלעם. די איינציגסטע וועג זיך אן עצה צו געבן מיט די קינדער איז שרייען צום אייבערשטן אין יעדן מצב, נאכאמאל און נאכאמאל, "באשעפער ווייז מיך וואס דער וועג אומצוגיין מיט די קינד איז יעצט אין דעם מצב, אייבערשטער העלפט מיך ארויס ס'זאל זיך בארואיגן, אייבערשטער העלף אז דער קינד זאל האבן א געפיל פאר תורה און מצוות, שבת און צניעות, הייליגער באשעפער ס'איז דיין קינד, ריפאראגרעם דעם קינד, מאך דער קינד זאל וואקסן רואיג, מאך דער קינד'ס מח זאל זיך קענען צוזאמנעמען אדער קאנצענטרירן".

און נאר אזוי איז מען מצליח מיט קינדער. אזוי ווי די פיל מעשיות וואס מיר הערן כסדר איבער צדיקים און גדולים ווי זיי פארדאנקען נאר זייער עלטערן'ס תפילות פאר זייער הצלחה.

אבער וואו שטייט די אנווייזונגען? ווער טייטשט עס איבער אויף אונזער שפראך? נאר אז מ'קוקט אריין און ספרים פון צדיקים מ'קוקט אריין אין עצתו אמונה וואס לערנט אונז אויס וויאזוי צו פארשטיין די אנווייזונגען וואס קומען ריין פון די תורה, טרעפט מען עס.

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## באשעפער שיק מיר אן אייזל

אונטער די זון געבראטן,
נישט דא קיין בוים, נישט דא קיין שאטן,
נאר טרוקענע בערג פון זאמד,
גייט ער מיט היץ פארפלאמט.

זיין כוחות אויסגעלאזט באלד,
איך האלט נישט אויס געוואלד!
באשעפער אן אייזל שיק,
ס'וועט מיר זיין אזא גליק!

גייט ער ווייטער לאנגזאם שטייט,
ווען פלוצלינג נאך א קורצע צייט,
מען שלעפט אים פעסט ביים קראגן,
"יאהוד, מיין טויטע אייזל זאלסטו טראגן!"

"אויב דו ווייסט וואס איז דיר ניחא",
זאגט דער אראבער מיט רציחה.
"דו וועסט מיר שיין באדינען,
וועל איך דאס לעבן דיר פארגינען"...

געשלעפט האט ער אן אייזל מיט פארדרוס,
ווייל ער האט מתפלל געווען טאקע דאס,
אנשטאט וואלט ער געדארפט בעטן זיין טאטן,
"שיק מיר, באשעפער, אן אייזל צו רייטן"...

פון דעם לערנען אונז די הייליגע חז"ל,
אין תפילה א וויכטיגע כלל,
צוויי ווערטער מאכן אזא גרויסע חילוק!
יעדע תפילה ביים באשעפער איז באוויליגט!

דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט מיט דעם,
לאז דיינע תפילות בלייבן אנגענעם,
מאך נישט קיין O.C.D. דערפון,
אויב האסט יעדע פרט געהאט אינזין...

בעט דיך גוט אויס ביי יהי רצון שתצילנו פון נאך די ברכות צופרי ווייל ס'איז אן all-in-one תפילה פארן טאג.

בעט דיך גוט אויס ביים זאגן תפילת הדרך, ס'איז אן all-inclusive תפילה פארן וועג.

און דער עיקר מאך דיין אייגענע היימישע concentrated תפילה ביי די מזוזה פארן ארויסגיין פון שטוב, "באשעפער, ברענג מיך און מיין מאן און קינדער צוריק אהיים געזונטערהייט"...

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

# אכטונג בלעטל קינדער!

יעצט ווען מ'שטיימיר הארט נאך אזא סוקסעספולע חנוכה פארמעסט ווי אלע טייערע בלעטל קינדער, איינס ביי איינס, האבן אהערגעשטעלט אזעלכע אויגפארכאפנדע מייסטערווערק, גייען מיר גלייך אריינשפרינגען אינעם נייעם בלעטל פארמעסט, לאמיר זען וואס דו קענסט אהערשטעלן פארן

# חמשה עשר בשבט פארמעסט!

שטעל אהער סיי וואס דו קענסט לכבוד חמשה עשר בשבט מיט סיי וועלכע מאטריאל, (אז דו האסט די מעגליכקייטן, שטעל אהער דיין קונצווערק געמאכט פון פרוכט... אדער א צווייטע עסנווארג, נאר נישט מאכן קיין עובר בל תשחית, פארשטייט זיך) און שיק אריין א בילד דערפון צו די בלעטל, און דיין בילד וועט מיטן אייבערשטנס הילף אריינגעשטעלט ווערן דא ביים בלעטל פארמעסט.



דערנאך וועלן אלע קינדער אויסוועלן וועלכע בילד עס געפעלט זיי דאס מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט זיין די געווינער פונעם פארמעסט!

בילדער קען מען שיקן צו
845.379.1161
אדער צו
bletelmagazine@gmail.com

מאך א תפלה ס'זאל געלונגען, און לאמיר זען וואס דו קענסט!

# קינדער היים



א דאונאט מיט מעדיצין - געב א שמייכל



"דו ביסט שוין פארכאפט אין מיין זאק"

- ברסלב'ע חידות

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן אמרי אמת**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער חזון איש**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה



געווינער פון פארגאנגענע וואך: **אדי בוים**



# מענטשערליך

## די הינדעלעך חלק ב׳

"איךּ קען נישׁט מער", האָט ר׳ חנינאָ בן דוסאָ'ס ווייב זיךּ אָפּגערעדט.

ר׳ חנינאָ בן דוסאָ האָט אַרום געקוקט, די הינדעלעך זענען געווען איבעראַל, אין די שׁאַפּע׳ס, אונטער די טיש, און אויף די בענקלעך.

ער האָט צוגעמאַכט זיין ספר, וואס ער האָט געהאַלטן אינמיטן לערנען, ער האָט צוזאַם גענומען אַלע הינדעלעך און זיי געטראָגן אין מאַרק, און אויסגערופן הויך: "ווער וויל קויפן הינדעלעך?"

"אַזעלכע פיינע פעטע הינדעלעך" האָט שמערל דער ציגן הענדלער געזאָגט.

"איך געב זיי פון די בעסטע עסן!" האָט ר׳ חנינאָ בן דוסאָ געזאָגט.

"איך קען אייך געבן צוויי פון מיינע בעסטע ציגן אין אויסטויש פון די אַלע הינדעלעך", האָט שמערל געזאָגט.

"אַ געשעפט!" שמערל האָט גענומען אַלע הינדעלעך און ר׳ חנינאָ בן דוסאָ איז אַהיים מיט צוויי טייערע ציגן, גליקלעך אַז ער קען היטן אויף יענעמ׳ס זאַך, ביז ער וועט אויסגעפונען פאַר וועם ער דאַרף עס צוריקגעבן.

פון צוויי ציגן איז געוואָרן אַ גאַנצע סטאַדע, אָבער אָן אַ בעל הבית. ר׳ חנינאָ בן דוסאָ מיט זיין משפּחה האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די פאַרלוירענע ציגן און זיי געגעבן צו עסן.

אויך האָבן זיי פיל געבעטן דער הייליגער באַשעפער. "הייליגער באַשעפער העלף אַז מיר זאָלן שוין קענען טון די מצווה פון השבת אבדה, און צוריקגעבן די ציגן צו זייער ריכטיגער בעל הבית".





---

"אֵיינֶער עֶסְט פוּן מַיין פֶעלְד פוּן גְרָאז" הָאט ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא'ס שָׁכֵן זִיךְ אָפְּגֶעגֶערֶעדְט צוּ אִים. "אִיךְ טְרַאכְט אַז דַיין צִיגְן טוּעֶן דָאס".

"מַיינֶע צִיגְן גַנְבְ'נֶען נִישְׁט" הָאט ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אִים גֶעזָאגְט "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוֹיף צַדִּיקִים אַז אֲפִילוּ זֵייעֶרֶע בְּהֵמוֹת זָאלְן נִישְׁט טוּעֶן קֵיין שְׁלֶעכְטְס".

דֶער שָׁכֵן הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט דִי שְׁלֶעכְטֶע לִיגְנְט פַאר דִי אַנְדֶערֶע שְׁכֵנִים.

"וִוי אַזוֹי ווייסְטוּ אַז זַיינֶע צִיגְן עֶסְן טַאקֶע פוּן דַיין גְרָאז? הָאסְט גֶעזֶען וִוי אַזוֹי זֵיי קוּמֶען אוּן עֶסְן?" הָאט דֶער שָׁכֵן פוּן דִי רוֹיטֶע הוֹיז אִים גֶעפְרֶעגְט.

"וָואס הֵייסְט?!" הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער שָׁכֵן זִיךְ גֶעבֵּייזֶערְט, "אֵיינֶער עֶסְט פוּן מַיין גְרָאז, דַיינֶע בְּהֵמוֹת טוּעֶן עֶס?"

"זִיכֶער נִישְׁט", הָאט דֶער שָׁכֵן גֶעעֶנְטְפֶערְט "מַיינֶע בְּהֵמוֹת דַארְף אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אַיינְשְׁפַּארְן, זֵיי ווייסְן קְלָאר וֶועלְכֶע אִיז מַיין אוּן וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט", הָאט דֶער שָׁכֵן פוּן אַרוֹיף דִי בַּארְג זִיךְ גֶעגְרוֹיסְט.

דֶער שָׁכֵן הָאט זֵיי גֶעגְלֵייבְּט, "וֶוער בְּלַייבְּט אִיבֶּער? עֶס מוּז זַיין אַז ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא'ס צִיגְן עֶסְן פוּן מַיין גְרָאז".

אַלֶע שְׁכֵנִים הָאבְּן צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן עֶס אִיז אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אַז זַיינֶע צִיגְן עֶסְן פוּן פְרֶעמְדֶע פֶעלְדֶער.

וֶוען דֶער שָׁכֵן הָאט ווידֶער גֶעקְלַאפְּט אִין טִיר, הָאט ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ ווייס אַז מַיינֶע צִיגְן גַנְבְ'נֶען נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ וֶועל דִיר עֶס אוֹיפְוַוייזְן".

ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז עֶס זָאל זַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף אַ צַדִּיק, "אוֹיב הָאבְּן מַיינֶע צִיגְן גֶעגֶעסְן פוּן דַיין גְרָאז אוּן שָׁאדְן גֶעמַאכְט פַאר אַנְדֶערֶע, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען בֶּערְן אוּן זֵיי אוֹיפְעֶסְן, אוּן אוֹיב הָאבְּן זֵיי נִישְׁט שָׁאדְן גֶעמַאכְט, וֶועט יֶעדֶע צִיג הַיינְט נַאכְט הַאלְטְן אַ בֶּער אוֹיף זַיינֶע הֶערְנֶער.

דִי נַייעֶס הָאט זִיךְ שְׁנֶעל פַארְשְׁפְּרֵייט אוּן אַלֶע שְׁכֵנִים הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דִי שְׁטַייג אוּן גֶעוַוארְט אַז דִי צִיגְן זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען, פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶערוּדֶער, בְּרְרְרְר... בְּרְרְרְר... יֶעדֶע צִיג פוּן ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא'ס סְטַאדֶע הָאט גֶעהַאלְטְן אַ בֶּער אוֹיף זַיינֶע הֶערְנֶער, דִי שְׁכֵנִים זֶענֶען אַנְטְלָאפְן מִיט שְׁרֶעק אוּן מֶער נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא.

***פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה***



דעם

# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט אונז אמאל אנגערופן "טריקענע ביימער" אז מיר גייען נישט הפצה (רבי נתן)

## ברסלב'ע חידות

**ווען דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן "דו ביסט שוין פארכאפט אין מיין זאק!" האט רבי נתן געענטפערט: רבי,**

א. דא וויל איך בלייבן
ב. בינד מיך צו אין דיין זאק
ג. אויף דעם האב איך געווארט
ד. שכח

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין שמות בלעטל"

## געב א שמייכל

**וואס האט א דאונאט צוטון מיט מעדיצין?**

*ביידע נעמט מען פאר אכט טעג צוויי מאל א טאג...*

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

### אֱמוּנָה - חלק שני

**ז. כְּשֶׁהוֹלֵךְ מֵרַב לְרַב, אָז צָרִיךְ לְחַזֵּק אֱמוּנָתוֹ בְּאַחְדוּת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי הַלִּמּוּד מֵהַרְבֵּה מְלַמְּדִים מַזִּיק לֶאֱמוּנַת הַיִּחוּד. וְכֵן הָרַב שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנַת הַיִּחוּד, הוּא יָכוֹל לְהָאִיר לְכָל תַּלְמִיד וְתַלְמִיד לְפִי כֹּחוֹ, וְכָל תַּלְמִיד אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ אֶלָּא מַה שֶּׁצָּרִיךְ לוֹ וְלֹא יוֹתֵר.**

וֶוען אֵיינֶער גֵייט פוּן אֵיין רֶבִּי צוּם צְווֵייטְן, דַארְף עֶר זִיךְ מֶער שְׁטַארְקְן מִיט זַיין אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. וַוייל דָאס לֶערְנֶען בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, שָׁאדְט פַאר דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה. אוֹיךְ דֶער רֶבִּי וָואס הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵיין אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר קֶען אַרַיינְשַׁיינֶען אִין יֶעדְן תַּלְמִיד לוֹיט זַיינֶע כּוֹחוֹת, אַזוֹי אַז יֶעדֶער תַּלְמִיד זָאל נָאר הֶערְן וָואס עֶר דַארְף הֶערְן אוּן נִישְׁט מֶער.

# קליין און שיין



יודל יאקאבאוויטש
קרית ברסלב


נחמן נתן ראבינאוויטש
קרית ברסלב


משפחת זוסמאן
קרית ברסלב


שלמה ניישטיין
קרית ברסלב


סערעלע ראטה
קרית ברסלב


אליעזר שלמה יאקאבאוויטש
קרית ברסלב


א דריידל און צוויי מנורות, שרה גיטי
און גאלדי שניצלערקרית ברסלב


איסר & מאטי שווארטץ
קרית ברסלב


נתנאל בלר, פון בית שמש, האט אליין
געבויעט א מנורה פאר חנוכה.


אשר לעמל און משולם פייש זוסמאן
קרית ברסלב




פייגי יאקאבאוויטש
קרית ברסלב



אדי כץ
קרית ברסלב




פיגא'לע פרידריך
קרית ברסלב




נחמן נתן ראבינאוויטש
קרית ברסלב



שלמה דאנציגער
קרית ברסלב




אליעזר שלמה טייטלבוים
קרית ברסלב



קיילי ווייס
קרית ברסלב



פיגא'לע פרידריך
קרית ברסלב



פייגי יאקאבאוויטש
קרית ברסלב



רפאל ישראל פאפנהיים
ירושלים עיה"ק



משפחת פוקס
קרית ברסלב



משפחת פוקס
קרית ברסלב




ישראל שלום הערשקאוויטש
קרית ברסלב



שלומי און מעכעלע אינדיג
קרית ברסלב



אליעזר שלמה שטראססער
קרית ברסלב




שרי אינדיג 201
קרית ברסלב



משפחת ראטענבערג
קרית יואל



משפחת יאקאבאוויטש
קרית ברסלב



משפחת שווארץ
קרית יואל



נחמן און יוסי ראבינאוויטש
קרית ברסלב



משפחת שטראוס און משפחת בלעדי
קרית ברסלב



דינה יאקאבאוויטש
קרית ברסלב



פייגעלע פרידריך
קרית ברסלב



סימי בלעדי
קרית ברסלב

# געמאלן

## א מעשה פון תפילה




געמאלן: חי׳ וועבערמאן תחי׳

געמאלן: שרי אינדיג תחי׳

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **נפתלי אפעלדארפער** הי"ו

וזוגתו חנה מלכה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **שלום יוסף ניישטיין** הי"ו

וזוגתו פעסל תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **אברהם משה שטראסער** הי"ו

וזוגתו שרה עלקא תחי'

### צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **נתנאל פארקאש** הי"ו

וזוגתו זיסל תחי'

### צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


## און עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161
bletelmagazine@gmail.com


# קלאסיפיידס


## *KB Realty*

אכטונג לענדלארדס! זוכט איר נישט אידישע טענענטס פאר אייער אינוועסטמענט פראפערטי?

האט איר אפארטמענטס וואס שטייען ליידיג?

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועלן מיר אייך ברענגען די בעסטע טענענטס.

**רופט שלום שניצלער 347–731–3144**

מיר סערווירן גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי






## גדלות המוחין ניין טו פייוו.

א נייע פליגל גענצליך פריוואט - געאייגנט פאר ריטעיל געשעפטן אדער אפיסעס - איז נארוואס געווארן אוועילעבל אין סי פי פי, אלע באקוועמליכקייטן אונטער איין דעכל.

PRIVATE ENTRANCE AND PRIVATE BATHROOM

646.938.2503

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

dominogrp.com

איינגענעמע אפיסעס \\ אין הארץ פון שטעטל \\ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן \\ פרייזן וואס בייסן נישט \\ פארקינג ביזן דאך

פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן בשם אלע
תלמידים א הערצליכן

# ברכת מזל טוב

פאר אונזער חשובער

## ראש ישיבה שליט"א
## וזוגתו תחי'

לרגל שמחת
הולדת נכדתם למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דער
ראש ישיבה זאל זען אסאך אידיש נחת
פון דעם קינד און אלע קינדער און
אייניקלעך געזונטערהייט. און ווייטער
האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע
ארבעט פון פארשפרייטן דעם
אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

**וואונטש קרית ברסלב בלעטל**

*sruliHeskel